STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04893

REZOLUTSYES FUN 5TN KONGRES UN KONSTITUTSYE FUN KOMUNISTSHN IN INTERNATSYONAL

Communist International

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Lawrence Kanter
in honor of
his daughters, Julie & Elizabeth, Emory & Boston U.

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רעזאָלוציעס
פון 5טן קאָנגרעס

— און —

קאָנסטיטוציע
פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל

פ א ר ל א ג
אידישע פעדעראַציע װאָרקערס פּאַרטי
ניו יאָרק, 1924

רעזאָלוציעס פונ׳ם קאָנגרעס פון קאָמינטערן

(די טעזיסן וועגן פראַגן פון טאַקטיק, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן פונ׳ם פינפטן קאָנגרעס פון קאָמינטערן)

1. אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען

1. דער „דעמאָקראַטיש-פּאַציפיסטישער„ שטריך.

ווען מען באַטראַכט די איצטיקע אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע לאַגע, וואַרפט זיך שטאַרק אין די אויגן איין גרונט-שטריך — דאָס איז דער אָנפאַנג פון עפּעס א דע־מאָקראַטיש-פּאַציפיסטישן שטריך. אַז אַזאַ זיג-זאַג וועט זיך באַווייזן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער בורזשואַזיע, האָט פאָראויסגעזאָגט דער פערטער אינטער־נאַציאָנאַלער קאָנגרעס, וועלכער האָט זיך פאַרזאַמלט אין דעם מאָמענט, ווען די אינטערנאַציאָנאַלע בורזשואַזע רעאַק־ציע האָט דערגרייכט דעם גרעסטן פונקט פון איר אנטוויק־לונג.

די אָנגעוויזענע ענדערונגען אין דער אלוועלטלאַכער פּאָליטיק פון דער בורזשואַזיע אין דעם איצטיקן מאָמענט דריקט זיך אוים אויף א כאַראַקטעריסטישן אופן אין פאָל־גענדעם:

אין ע נ ג ל א נ ד שטייט ביים רודער פון מאַכט די אזוי גערופענע „אַרבעטער רעגירונג“, אַן דער שפּיץ פון

וועלכער עס געפינען זיך די קעפ פון צווייטן אינטערנאציאנאל.

אין פ ר א נ ק ר י י ך האט אפגעהאלטן א פארלאמענטארישן זיג דער אזוי־גערופענער „לינקער בלאק“; אין דער ווירקלאכקייט געפינט זיך אין דער איצטיקער פראנצויזישער רעגירונג אלס איר וויכטיקסטער טייל די פראנצויזישע „סאציאליסטישע פארטיי“, איינע פון די הויפט פארטייען פון דעם צווייטן אינטערנאציאנאל.

אין צוזאמענהאנג מיט דער פראפאגאנדע פאר דעם דאווז פלאן ווייזט זיך אויך אין ד י י ט ש ל א נ ד ארויס די טענדענץ (נייגונג) פארשטארקערן די דעמאקראטישפאציפיסטישע אילוזיעס און צו באפעסטיקן די פאזיציע פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי, וועלכע איז די טרעגערין פון דער דאזיקער פאליטיק. אבער ניט קוקנדיק אויף דעם, לאזט זיך אין דייטשלאנד פילן די קעגנגעזעצטע טענדענץ, וועלכע איז פארבונדן דערמיט, וואס דער הערשענדער קלאס פירט אן מיט דער הילף פון דער דייטשער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי (פאר די צוועקן פון פראקטישער דורכפירונג פון דעם דאווז פלאן) נאך א אפענערע און גרויזאמערע, ווי ביז איצט פאליטיק פון עקספלואטאציע און אונטערדריקונג פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג. ניט קוקנדיק אויף אירע אויסערליכע ענדערונגען, בלייבט נאך אלץ די דייטשע סאציאל דעמאקראטישע פארטיי א מיטארבעטערין אין דער פארוואלטונג פונ'ם לאנד מצד דער דייטשער בורזשואזיע און באטייליקט זיך אויף דעם אדער יענעם אופן צו באפעסטיקן די בורזשואזע דיקטאטור אויף דעם פראלעטאריאט.

אין א מ ע ר י ק ע ווערט דער זיגער יענער טייל פונ'ם אימפעריאליזם, וואס איז גרייט אריינצומישן זיך אין די אייראפעאישע ענינים און וויל שטיצן דעם דאווז פלאן. די וואקסענדע באוועגונג צו בילדן אין אמעריקע א „דריטע“ (קליינבירגערלאכע) פארטיי באצייכנט אויך א געוויסע נייגונג אין דער זייט פון דער „דעמאקראטיש־פא־

ציפּיסטישער" ריכטונג אין דער אמעריקאנער פּאָליטיק.

אין יאפּאן גרייט זיך צו דער מאכט די „דעמאָקראַטישע" בורזשואַזיע, וועלכע דאַרף פאַרבייטן ביים רודער פון דער רעגירונג די פעאָדאַלע פּאַרטיי. די ענדערונג, וואָס איז מיט א קורצער צייט צוריק פאָרגעקומען אין דער רעגירונג פון יאפּאן, ווערט אויך אויסגעטייטשט אלס דער זיג פון דער „דעמאָקראַטיע" און פון דעם פּאַציפיזם.

אין דענמאַרק געפינט זיך די מאַכט אין די הענט פון דער אַזוי־גערופענער „אַרבעטער" רעגירונג, וועלכע ווערט געפירט פון איינעם פון די אָנגעזעענע פאָרשטייער פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל.

אין בעלגיען ערוואַרטעט מען, אז די קומענדע וואַלן זאָלן ברענגען צו דער מאכט די פירער פון דער בעלגישער „אַרבעטער" פּאַרטיי, וועלכע זיינען אין דער ווירקלאַכקייט אויך איצט מיניסטאָרן אָן פּאָרטפעלן.

אין עסטרייך האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אָפּגעהאַלטן א באַדייטענדן נצחון אין די וואַלן און אין דער ווירקלאַכקייט איז זי איינע פון די הויפּט זיילן אין דעם בורזשואַזן רעזשים.

אין טשעכאָסלאָוואַקיע, אין פּוילן און אויך טיילווייז אין די באַלקאַנישע לענדער, וואו די בורזשואַזיע הייבגט אָפּ פון די אימפּעריאַליסטן פון די גרעסטע לענדער פון דעם אַנטאַנט, מערקט זיך אויך די ווירקונג פון די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך.

2. דער אמת׳ער זין פון דער איצטיקער ווענדונג אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

דאָס, וואָס עס קומט איצט פאָר אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, איז אין דער ווירקלאַכקייט ניט אַן אָנפאַנג פון סטאַביליזירן (איינשטעלן) די קאַפּיטאַליסטישע „אָרדנונג" אויף דעם באַזיס פון „דעמאָקראַטיע" און „פרידן". דאָס איז נאָר איינע פון די פאָרמען, אין וועלכע עס מאַס־

לירט זיך די ווייטערדיקע פארשארפונג פון דער אלוועלטלאַ־כער בורזשואזער רעאקציע און וועלכע גרייט צו א נייעם באַטרוג פאַר'ן פאָלק.

די דעמאָקראַטיש־פּאַציפיסטישע ריכטונג האָט ניט נאָר ניט געבראַכט — און קאָן ניט ברייגען — צו פאַרקלע־נערן די באוואפנונג, נאָר פאַרקערט, דער וואוקס פון דער באוואפנונג גייט אָן מיט א משוגה'נעם אימפּעט. אינטריגעס פון געהיימער דיפּלאָמאַטיע פאַרשפּרייטן זיך נאָך מער, ווי ווען עס איז פריער. יעדע דעמאָקראַטישע רעפּובליק באַ־וואפנט זיך מער אָדער ווייניקער אָפן פאַר דעם אומפאַר־מיידלאַכן אימפּעריאַליסטישן צוזאַמענשטויס מיט דער צוויי־טער „פריינדלאַכער דעמאָקראַטיע".

דער פונדאַמענטאַלער קאָנפליקט צווישן דעם אמעריקאַ־נישן און יאפּאַנעזישן אימפּעריאַליזם איז ניט ליקווידירט געוואָרן אויף א האָר. די טרייבענדע קראַפט פון אָט דעם קאָנפליקט, וועלכער מוז אומפאַרמיידלאַך פירן צו א נייעם אויפרייס פון א אימפּעריאַליסטישער מלחמה, ווירקט נאָך אַלץ אויטאָמאַטיש.

די ווידערשפּרוכן אין די אינטערעסן פון די אימפּעריאַ־ליסטישע קליקעס פון ענגלאַנד און פראַנקרייך זיינען לחלוטין ניט באַזייטיקט געוואָרן מיט דעם זיג פון די „דעמאָקראַ־טיעס" פון די ביידע לענדער. עס האָט זיך נאָר געענדערט די פאָרם פון קאָנקורענץ, אָבער ניט איר תוך.

דאָס באַרויבן פון די קאָלאָניעס און פון די האַלב־קאָלאָניאַלע לענדער ווערט נאָך אַלץ באַטראַכט אלס א זעלבסט־פאַרשטענדלאַכע זאַך פון דעם „פּראָגרעס" און „ציוויליזאַציע".

3. דער דאָוז־פּלאַן.

די תורה פון איצטיקן „פּאַציפיזם" און „דעמאָקראַ־טיע" ליגט אין דעם דאָוז־פּלאַן. אין דער אמת'ן איז דער פּלאַן פון די עקספּערטן געריכטעט צו באַראַבע־ווען די האָרעפּאַשנע מאַסן פון דייטשלאַנד, און איבערהויפּט

זוכן די אימפּעריאַליסטן אַ מעגלעכקייט צו פֿאַרבעסערן זייערע געשעפֿטן אויפֿ'ן חשבון פֿון די אַרבעטער. די אָקופּאַציע פֿון רור האָט ניט געבראַכט די געווינטשטע רעזולטאַטן פֿאַר די פֿראַנצויזישע אימפּעריאַליסטן. מער אָפֿענע פּראָבעס פֿון רויב האָבן קיין ערפֿאָלג ניט געהאַט. דער איינציקער וועג צו אַנטשיידן דעם פּראָבלעם פֿון שאָדענערזאַץ איז דער וועג פֿון אַ צוציִיִגענער, לאַנגזאַמער רויבעריי. פֿאַרדעקט מיט „דעמאָקראַטיש־פּאַציפֿיסטישע“ פֿראַזן. אָט אָן דעם טאַקע באַפֿן זיך אָן היינט צו טאָג די אימפּעריאַליסטן פֿון דעם אַנטאַנט, אונטערשטיצט פֿון די מער פֿאַראינטערעסירטע שיכטן פֿון דער דייטשער בורזשואַזיע און זייער דינסט־טרייער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. די אַנטשיידונג פֿון דעם דאָוז־פּלאַן צו וועלכן עס האָט איצט צוגעשטימט די גאַנצע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנטררעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ווייזט זיך אין דער ווירקלעכקייט אַרויס אַלס דער שענדלעכסטער דאָקומענט פֿון אונזער צייט. דאָס איז אַ שטריק אויפֿ'ן האַלז ניט נאָר פֿאַר די דייטשע האַרעפּאַשנע מאַסן, נאָר אויך פֿאַר די אַרבעטער מאַסן פֿון אַ ריי אַנדערע לענדער. מיט איר אונטערשטיצן דעם דאָוז פּלאַן באַגייט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דעם זעלבן פֿאַראַט, ווי מיט איר אונטערשטיצונג פֿון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, ווייל די ענטשיידונג פֿונ'ם דאָוז פּלאַן הייסט אָנגיין מיט קריג, נאָר מיט אַנדערע מיטלען.

די ענטשיידונג פֿונ'ם דאָוז פּלאַן, ווען זי וועט נאָר ענדלעך אָנפֿאַנגען דורכגעפֿירט צו ווערן אין לעבן, וועט פֿאַר קיין פֿאַל ניט אָפּשאַפֿן די קעגנגעזעצטע אינטערעסן צווישן פֿאַרשידענע גרופּן פֿון אַלוועלטלעכן אימפּעריאַליזם. וואָס מער די אינטערעסן וועלן איצט אויסגעגליכן ווערן אויפֿ'ן פּאַפּיר, אַלץ שטאַרקער וועלן זיי אין אַ קורצער צייט אַרום אַרויסשפּרינגען אין דער ווירקלעכקייט.

4. די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע פֿון סאָוועט־רוסלאַנד.

דאָס איינציקע לאַנד, וואָס איז אויסגעהאַלטן און פֿירט

ביז'ן ענד אָן א פּאָליטיק פון פרידן — איז סאָוועט רוסלאַנד. דאָס ערשטע לאַנד פון דער זיגרייכער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, ארומגערינגעלט מיט בורזשואַזע שונאים פון אַלע זייטן, פירט פעסט און העלדנמוטיק אָן א פּאָליטיק פון דויערהאַפטן פרידן. פאַר דעם לעצטן פעריאָד האָט זיך סאָוועט רוסלאַנד איינגעגעבן באַדייטענד צו פאַרשטאַרקן אין אינטערנאַציאָנאַלן פּרעסטיזש. דער וואוקס פון וואוילטאָג אין לאַנד גופא, דאָס אונטערשטיצן פון אַלעם דעם, וואָס איז עולאָך און באַוואוסטזיניק אין אַלוועלטלאַכן אַרבעטער קלאַס און די געניטע פּאָליטיק פונ.ם ס. ס. ר. (סאָוועט רוסלאַנד) האָבן געפירט דערצו, אַז די ס. ס. ר. זאָלן אָפּיציעל (דע יורע) אַנערקענט ווערן פון איינֹיקע פון די גרעסטע מלוכות פון דער וועלט. פונדעסטוועגן איז נאָך גאָר ניט אויסגעשלאָסן, אַז די „דעמאָקראַטיש־פּאַציפיסטישער" פעריאָד זאָל ניט ענטהאַלטן אין זיך נייע שוועריקייטן פאַר דער ערשטער פּראָלעטאַרישער רעפּובליק. עס איז גאָר קיין צווייפל ניט, אַז דער מער פאַרעטערישער טייל פון דער „דעמאָקראַטיע" אַרבעט איצט אויף דעם, ווי צו באַשאַפן אין דעם פעלד פון דער אַלוועלטלאַכער פּאָליטיק א פאַראייניקטן פראָנט קעגן דעם ס. ס. ר. כדי צו זיין אימשטאַנד אַוועקצושטעלן די זיגרייכע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אויף די קני און זי צווינגען באַצאָלן פאַר די אַלטע הובות אין דער פאָרמע פון א דאָוז פּלאַן אָדער אויף אַן אַנדער וועג.

מ'דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז די „דעמאָקראַטיש־פּאַציפיסטישע" שטרעמונג איז א י י נ ע פ ו ן ד י ל ע צ ט ע פאַזען פונ'ם קאַפּיטאַליזם. וואָס שווערער און ווידערשפּרעכענדער עס ווערט די לאַגע פון דער אַלוועלטלאַכער בורזשואַזיע, אַלץ וואַרשיינלאַכער ווייזט זיך אַרויס פון איר זייט די דירעקטע קריגערישע אַוואַנטיורע קעגן סאָוועט־רוסלאַנד. און דאָס באַטייליקן זיך פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין די איצטיקע „דעמאָקראַטישע" רעגירונגען פאַרגרעסערט נאָך מער די געפאַר פון אַזא קריגס־אַוואַנטיורע. די קאָנטר־

רעוואָלוציאָנערע פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, זייענדיק אוממענדלאַך פאַרביטערט און האַסענדיק די סאָוועטן מאַכט, וואָלטן זיך אנטשלאָסן אויף אַ קריגס־אַוואַנטיורע גי־כער, ווי אי׳ניקע אַפּענהערציקע בורזשויען. דער ארבעטער קלאַס פון דער גאַנצער וועלט דאַרף זיין צוגעגרייט דערצו, אַז די אַלוועלטלאַכע רעאַקציע, וועלכע ארבעט איצט אונ־טער דעם שילד פון „דעמאָקראַטישן" פאַציפיזם, זאָל זיך איינגעבן צו באַשאַפן אַזאַ פאַראייניקטן פראָנט קעגן דעם ס. ס. ס. ר. די ארבעטער פון דער גאַנצער וועלט וועלן אומ־אויפהערלאַך קעמפן קעגן אַזאַ פּאָליטיק פון די הערשענדע קלאַסן, און זיי וועלן אָנשטריינגען אַלע כחות צו צוריסן די קייט נאָך איידער אירע רינגעלאַך וועלן זיך פאַרשליסן.

5. די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אַלוועלטלאַכע סאָציאַל־דע־מאָקראַטיע, וועלכע האָט אין 1914 געמוזט ארונטערוואַרפן פון זיך די מאַסקע און אָפן אונטערשטיצן די בורזשואַזיע פון „איר" לאַנד, גייט איצט אָן מיט דער זעלבער פּאָליטיק נאָר אין אַ מער פאַרדעקטער פאָרמע. אין אַלע לענדער, וואו די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז מער אָדער ווייניקער אַ באַדייטנדע קראַפט, שטיצט זי נאָך אונטער די אימפעריאַליסטן פון „איר" לאַנד, פאַרדעקנדיק די פּראָלעטאַרישע פּאָליטיק מיט פראַזן וועגן דעמאָקראַטיע און פאַציפיזם. ס׳איז קיין צווייפל ניט, אַז טאַקע די פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ווייזן זיך איצט ארויס די טרייסטע אָנהייגער פון אָט דער פּאָליטיק און פון דעם דאָזן פּלאַן צו פאַרצאַמען פון דאָס ניי סאָוועט־רוסלאַנד אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער ארענע און דעם די־רעקטן צוגאַנג פון אַלוועלטלאַכן קאַפּיטאַל צו דער ערשטער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין דער וועלט. אין דער זעל־בער צייט שיטן די פירער פון דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אויף זייערע קאָנגרעסן מיט פוסטע

פראזן ווענן א קאמף קעגן מלחמה דורך א גענעראל סטרייק, א. א. וו.

צווישן די פאליטישע פירער פון דער בורזשואזיע און די פירער פון דער קאנטר־רעוואלוציאנערער סאציאל־דעמאקראטיע קומט איצט פאר אן ארבעטס־צוטיילונג. די ערשטע באשאפן א כלומר'שטן „דעמאקראטיש־פאציפיסטישן" פעריאד. די צווייטע גיבן אפ אלע זייערע כחות אויף צו פארשטארקן די „דעמאקראטיש־פאציפיסטישע" אילוזיעס צווישן די ארבעטער מאסן.

---

2. דאס פראבלעם פון הערשאפט.

1. די צוזאמענגעבראכנקייט פון דער בורזשואזער הערשאפט.

די בורזשואזע הערשאפט האט פאר א געוויסע צייט געראטעוועט איר עקזיסטענץ, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואס די אלוועלטלאכע אימפעריאליסטישע מלחמה האט צום סוף ארויסגערופן א געוואלטיק גרויסע סטיכישע אויפרעגונג פון די מאסן. די כחות פונ'ם מאדערנעם פראלעטאריאט האבן זיך ארויסגעוויזן צו זיין ניט גענוג ארגאניזירט. די פארטייען פון דער אלוועלטלאכער פראלעטארישער איבערקערעניש האבן זיך ארויסגעוויזן ניט גענוג שטארק און דעריבער האט זיך א זיג פון דער פראלעטארישער רעוואלוציע צום ענד פון דער אימפעריאליסטישער מלחמה ארויסגעוויזן פאר אוממעגלאך. אבער ניט קוקנדיק דערויף, האט די ערשטע אימפעריאליסטישע אלוועלטלאכע מלחמה ארויסגערופן טיפע צוטרייסלונגען. די פאלגן פון אט דער מלחמה וועלן זיך נאך אפרופן אין פארלויף פון יארן און יארן. אירע סאציאל־פאליטישע רעזולטאטן האבן זיך נאך ביז איצט ניט ארויסגעוויזן אין זייער פולער מאס.

די אימפעריאליסטישע פרידענס־פארהאנדלונגען, ווי דאס האט זיך ארויסגעוויזן ביי דער אקופאציע פון דער רור־

געננט, זיינען געווען א פארטזעצונג פון קריג, נאר מיט אנדערע מעטאדן: זיי האבן ניט געקענט פארהיילן די וואונדן, וואס די מלחמה האט ארויסגערופן. די רעזולטאטן פון'ם קריג זיינען ניט און קענען ניט אויסגעווארצלט ווערן מיט קאפיטאליסטישע מעטאדן. יעדנפאלס האט נאכ'ן ערשטן אלוועלטלאכן אימפעריאליסטישן קריג די אונטערגעבראכענע און צושרויפטע קאפיטאליסטישע הערשאפט זיך ארויסגעוויזן א צובראכענע ניט נאר עקאנאמיש, נאר אויך פאליטיש. סימפטאמען פון דעם צוזאמענברעכנדן קאפיטאליזם מערקן זיך אויף דער ריין פאליטישער ארענע צייטנוויז נאך בולט'ער ווי אויפ'ן עקאנאמישן פעלד. אין דעם שטענדיקן איבערבייט פון דער מלוכה־הערשאפט אין א גאנצער רייע לענדער, ווייזט זיך ארויס איינער פון אזעלכע סימפטאמען. אין א גאנצער רייע לענדער שטייט דאס פראבלעם פון רעגירן אין אזא פארם, וואס האט ניט געהאט קיין ענלאכע צו זיך פאר דער אימפעריאליסטישער מלחמה.

2. צוויי ליניען אין דער פאליטיק פון דער אלוועלטלאכער בורזשואזיע.

אין פארלויף פון די לעצטע עטלאכע יאר נאך דער אימפעריאליסטישער מלחמה. און טיילווייז נאך פאר דער מלחמה האבן זיך מיט פאלשטענדיקער קלארקייט באצייכנט צוויי ליניען אין דער פאליטיק פון דער וועלט־בורזשואזיע: 1) אן עפענטלאך רעאקציאנערע, 2) א דעמאקראטיש־רעפארמיסטישע. די בולט'סטע פארקערפערונג פון דער ערשטער איז געווען אין פואנקארע, פון דער צווייטער — אין לאיד דזשארדזש. אין די יארן, ווען עס האט אנגעפאנגען רייף ווערן דער רעוואלוציאנערער קריזיס, זיינען די שפורן פון אזעלכע צוויי ליניען אין דער פאליטיק פון די פירער פון דער אלוועלטלאכער בורזשואזיע ניט געווען קיין צופעליקע. ווען עס שאקלט זיך די ערד אונטער די פיס; ווען די „נארמאלע" צייטן פון דער בורזשואזער פעסטער הערשאפט ווערן

אַ פֿאַרגאַנגענהייט; ווען עס רוקן זיך בולט אָן רעוואָלוציאָנערע געשעענישן און עס וואַקסן די כחות פֿון דער פּראָלעטאַרישער איבערקערעניש — מוזן זיך אומבאַדינגט באַווייַזן ביי די פֿירער פֿונ׳ם הערשענדן קלאַס צוויי סיסטעמען פֿון פּאָליטיק: איינע, וועלכע זוכט צו צושטערן און אונטערדריקן די רעוואָלוציאָנערע כחות, פֿריער איידער זיי זיינען אויסגעוואַקסן, מיט אָן אָפֿענעם גרויזאַם־פֿאַרביטערטן געיעגען זיי; די צווייטע — אַ מער ווייטזיכטיקערע פּאָליטיק, וועלכע שטרעבט דורך קליינע נאָכגעבונגען, אונטערקויפֿנדיק די בעסערע באַצאָלטע פֿון אַרבעטער קלאַס, — מיט איין וואָרט, מיט מעטאָדן פֿון „דעמאָקראַטישן" פּאַציפֿיזם און רעפֿאָרמען צו ענדערן די כחות פֿאַרהעלטניסע צו גונסטן דער בורזשואַזיע.

3. צווישן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פֿאַשיזם.

די בורזשואַזיע קען ניט רעגירן מיט די פֿריערדיקע מעטאָדן. אין דעם איז איינער פֿון די סימפּטאָמען פֿון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. די בורזשואַזיע באַנוצט זיך מיט די דינסטן אַמאָל פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — אַמאָל פֿון דעם פֿאַשיזם. אין ביידע פֿאַלן שטרעבט די בורזשואַזיע צו פֿאַרמאַסקירן דעם קאַפּיטאַליסטישן כאַראַקטער פֿון איר הערשאַפֿט און גיט אים אַ מער אָדער ווייניקער פֿאָלקסטימלעכע שטריכן. סיי די פֿאַשיסטן (דער ערשטער פּעריאָד פֿון מוסאָליני׳ס הערשאַפֿט), סיי די סאָציאַל־דעמאָקראַטן (די ערשטע צייט פֿון נאָסקע׳ס הערשאַפֿט) שטייען אין׳ם נויטיקן מאָמענט צו דינסט דער בורזשואַזיע, אַלס אָן אָפֿענע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פֿון דער קאָנטער־רעוואָלוציע, אַלס באַוואָפֿנטע באַנדעס, אַלס פּאָגראָמשטשיקעס, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער שטייגענדער איבערקערעניש פֿון דער פּראָלעטאַרישער אַרמיי. אין דער זעלבער צייט זוכט די בורזשואַזיע מיט דער הילף פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צו מאַכן אַן איבערגרופּירונג אין די געזעלשאַפֿטלעכע כחות שאַפֿנדיק אַן אילוזיע פֿאַר דעם קליינבירגער־

טום פון א פאליטישן זיג און אילוזיע, אז דאס „פאלק" ער־אבערט די מאכט.

4. די סאציאל־דעמאקראטיע אלס די „דריטע" פאר־טיי פון דער בורזשואזיע.

אין אמעריקע טומלט זיך שטארק וועגן באשאפן א „דריטע" פארטיי פאר דער בורזשואזיע (קליינבירגער). אין אייראפע איז די סאציאל־דעמאקראטיע אין א געוויסן זין געווארן די דריטע פארטיי פון דער בורזשואזיע. דאס איז הויפטזעכלעך בולט אין ענגלאנד, וואו חוץ די צוויי קלאסישע פארטייען פון דער בורזשואזיע, וואס האבן זיך פריער פרידלעך געביטן בײַם רודער פון דער רעגירונג, איז איצט דער רעגירונגס־פאקטאר געווארן די אזוי גערופענע ארבעטער־פארטיי, וועלכע פירט אן אין דער ווירקלעכקייט א פאליטיק, וואס איז נאענט צו איינעם פון די פליגלען פון דער בורזשואזיע. ס'איז קיין צווייפל ניט, אז די סאציאל־דעמאקראטישע פירער פון דער ענגלישער ארבעטער פארטיי וועלן איצט אין פארלויף פון יארן אויף דעם אדער יענעם אופן ארויסהעלפן צו באפעסטיקן די הערשאפט פון דער ענגלישער בורזשואזיע.

ס'איז קיין צווייפל ניט, אז סיי אין פראנקרייך, סיי אין ענגלאנד, סיי אין א ריי אנדערע לענדער שפילן די פירער פון דעם צווייטן אינטערנאציאנאל די ראלע פון כלומר'שטע מיניסטארן־קעגנער פון דער בורזשואזיע, וועלכע זיינען אבער אין דער ווירקלעכקייט די פירער פון איינער פון די פראקציעס פון דער „דעמאקראטישער" בורזשואזיע.

די סאציאל־דעמאקראטיע לעבט שוין פון לאנג איבער דעם פראצעס פון פארוואנדלען זיך פון א רעכטן פליגל פון דער ארבעטער באוועגונג אין א לינקן פליגל פון דער בורזשואזיע און אין איניקע ערטער אין א פליגל פון פאשיזם. אט פאר וואס עס איז היסטאריש אוממעגלעך צו ריידן וועגן א „זיג פון פאשיזם איבער דער סאציאל־דעמאקראטיע". פאשיזם און סאציאל־דעמאקראטיע (אויף וויפיל עס רעדט

זיך ווען די איינפלוסרייכע קרייזן פון זיי ביידע) זיינען די רעכטע און לינקע האַנט פון דעם היינטיקן קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט צוזאַמענגעבראָכן פון ערשטן אימפּעריאַליסטישן קריג און פון די ערשטע געשלעגן פון די אַרבעטער מאַסן קעגן קאַפּיטאַליזם.

5. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צוריק ביים רודער.

אין דער צייט פון קריג און גלייך נאָכ'ן קריג האָבן מיר שוין געזען ב־רער פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל ביים רעגירונגס רודער אין אַ גאַנצער רייע לענדער. די סאָציאַל־דעמאָקראַטן זיינען צוגעצויגן געוואָרן אין צייט פון קריג מיטצוהעלפן אין דער רעגירונג צוליב גראָבע פּראַקטישע צוועקן: די אימפּעריאַליסטן האָבן געזוכט קעגנצושטעלן די, וואָס שטייען אין דער שפּיץ פון דער אַרבעטער באַוועגונג פון „זייער“ איינענעם לאַנד, קעגן דער אַרבעטער באַוועגונג פון אַנדערע לענדער.

אינ'ם איצטיקן מאָמענט ציט די בורזשואַזיע צו אין אַ רייע לענדער צום צווייטן מאָל די פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע מיטצוהעלפן אין דער רעגירונג. דאָס קומט פאָר אין „נאָרמאַלע“ צייטן, ווען קיין קריג איז ניטאָ. אָט דאָס אַליין ווייזט שוין ווי ניט פעסט די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע איז, און אויך אַז די איצטיקע נאָרמאַלע צייטן טראָגן אין זיך גרויסע אומנאָרמאַליטעטן פאַר דער בורזשואַזיע און זיינען פאַר איר פאַרבונדן מיט שווערע קריזיסן.

6. צווישן ווייסן טעראָר און „אַרבעטער רעגירונגען“.

הגם עס קאָן אויסזען, אַז דער בורזשואַזער רעזשים פאַרשטאַרקט זיך, נראַבט זיך אין דער ווירקלאַכקייט אונטער זיין הערשאַפט אַלץ מער און מער. די לאַגע איז זייער ניט קיין באַשטענדיקע. דער פּאַרלאַמענטאַריזם לעבט אָפּ זיין צייט. אויף די חורבות פון אַלטן אימפּעריאַליזם פון דער בורזשואַזיע ווערט אַלץ שווע־

רער און שווערער צו באשאפן א וויפיל ניט איז פעסטע
לאגע. דער אויסגאנג פון די לעצטע וואלן אין פראנקרייך
און ענגלאנד שטרייכט דאס גאנץ בולט אונטער. אין צוויי
בורזשואזע פארלאמענטן (פון די אייראפעאישע הויפטלענ-
דער) — אין פאריז און בערלין — איז היינט צו טאג ניטא
קיין שטענדיקע מערהייט. די בורזשואזיע וועט זיך פאר-
צווייפלט ווארפן אהין און אהער, אנכאפענדיק זיך דא און
אפענעם וויכן טעראר, דא מאכענדיק א פארזוך זיך אנצו-
שפארן אויף דער אזוי גערופענער „ארבעטער" רעגירונג.

עס קען אויך אמאל פאסירן, אז אין די קומענדע יארן
וועלן מיר דערזען אזוי גערופענע ארבעטער רעגירונגען ניט
אין איינער אדער צוויי, נאר אין א גאנצער רייע לענדער.
אזעלכע „ארבעטער" רעגירונגען קענען ארויסוואקסן
פונ'ם קאמף פונ'ם רעוואלוציאנערן פראלעטאריאט פאר
מאכט און פון די וואקלענישן אין די רייען פון דער בורזשו-
אזיע, וועלכע זיינען אומפארמיידלאך היינטיקע ציטן. אב-
יעקטיוו קענען אזעלכע „ארבעטער" רעגירונגען זיך ארויס-
ווייזן א שריט פארווערטס אין דעם זין, וואס זיי וועלן עדות
זאגן וועגן דעם אלץ ווייטערן און טיפערן פאנאנדערפאלן
פון דער בורזשואזער הערשאפט, וועגן דער ניט-אייניקייט
אין דער פאליטיק פון די הערשענדע קלאסן. אין דעם זין איז
מעקדאנאלד'ס היינטיקע קאנטר-רעוואלוציאנערע „ארבע-
טער" (אין דער ווירקליכקייט ליבעראלע) רעגירונג היס-
טאריש-פראגרעסיוו. נאר די אויפגאבע פון אמת'ע אנהייב-
גער פון דער פראלעטארישער רעוואלוציע פארשטייט זיך,
דארף באשטיין ניט אין פארשטארקן אזעלכע „ארבעטער" רע-
גירונגען, נאר אין צוזאמענצוקלייבן א פראלעטארישע אר-
מיי פאר דעם אומפארמיידלאכן רעוואלוציאנערן קאמף און
זען וואס גיכער איבערצוטרעטן איבער די אזוי גערופענע
„ארבעטער"-רעגירונגען צו א זיג פון ארבעטער דיקטאטור.

7. דער אביעקטיווער זין און די מעגלאַכע פּערספּעקטיוון פון אַ דעמאָקראַטיש־פּאַציפיסטישער עפּאָכע.

דער אביעקטיווער זין פון דער דעמאָקראַטיש־פּאַציפיסטישער צייט, וואָס מיר לעבן איצט איבער, ליגט אין דעם, וואָס די בורזשואַזיע קען שוין ניט רעגירן מיט די אַלטע מעטאָדן. אָט די „עפּאָכע" איז אַן אויסדרוק פון דער אומבאַשטענדיקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט פון איר פאַנאַנדערפאַל, וועלכער האָט זיך אָנגעפאַנגען ענטוויקלען אויף ב אַ ר ג אַ ר אָ פּ.

די היינטיקע „דעמאָקראַטיש־פּאַציפיסטישע" רעגירונגען, ווי די רעגירונגען פון ענלאַכע טיפּן, וועלכע קענען זיך נאָך שאַפן, וועלן ניט נאָר ניט שאַפן אַן אמת דעמאָקראַטיש פרידלאַכע פּאָליטיק, נאָר פאַרקערט, זיי גופא וועלן ווערן פּאַשיסטיש זייער שנעל. דער קלאַסן קאַמף שטעלט זיך ניט נאָר ניט איין, נאָר אין די ראַמען פון דער דעמאָקראַטיע און פּאַציפיזם וועט ער זיך פאַנאַנדערברענגען נאָך שטאַרקער. די איבערבייטונג פון'ם רעזשים (דעמאָקראַטיע, פּאַשיזם) וועט נאָך מער אונטערגראָבן דעם פונדאַמענט פון'ם פאַנאַנדערפאַלענדן קאַפּיטאַליזם.

פון יעדער פון אַזעלכע רעגירונגס־ענדערונגען וועלן אַרויסגיין די פאָלקס־מאַסן און איבערהויפּט די פּראָלעטאַרישע מאַסן באַרייכערט מיט פּאָליטישע ערפאַרונג און פאַרהאַרטעוועט, מיט א גרעסערע צוגעגרייטקייט צום קאַמף. אין דערזעלבער צייט וועט די בורזשואַזיע און איר טרייע דינערין, די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, פון יעדער איינער פון אַזעלכע רעגירונגס־ענדערונגען נאָך מער אָפּגעשוואַכט, דעמאָראַליזירט און ענטוישט ווערן אין דעם גלויבן אין זיך און אין זייער פּאָליטיק.

אָט אַזוי וועט פאָרקומען דער וואוקס פון כחות פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע ביז איר ענטגילטיקן זיג.

3. דאס פראבלעם צו באשאפן קאמוניסטי־שע מאסן פארטייען, אלס צענטראלע אויפ־גאבע פונ׳ם קאמוניסטישן אינטערנאציאנאל.

1. דער קריזיס פון קאפיטאליזם און דער „סוביעקטי־ווער פאקטאר״

די וועלט־בורזשואזיע איז ניט באזיגט געווארן צום ענד פון דער אלוועלטלאכער אימפעריאליסטישער מלחמה, הויפטזעכלאך דערפאר, וואס אין די לענדער, וועלכע האבן געדארפט שפילן די הויפט ראלע, האבן מיר ניט געהאט קיין קאמוניסטישע מאסן פארטייען, וואס זיינען אימשטאנד גע־ווען צו ארגאניזירן די רעוואלוציע, וואס זיינען פעאיק צו פירן אין שלאכט די מאסן, וועלכע האבן זיך סטיכייאיש אויפגעהויבן קעגן די שולדיקע פון קריג. צוליב דעם האט דער קאפיטאליזם געקראגן די מעגלאכקייט אפצוכאפן דעם אטעם.

אונטער אזעלכע באדינגונגען, ווען דער קאפיטאליזם קען שוין ניט עקזיסטירן אן דער שטיצע פון דער סאציאל־דעמאקראטיע; ווען דער קריזיס פונ׳ם קאפיטאליזם ווערט אלץ מער און מער האפנונגסלאז, הגם ער איז א פארצויגע־נער, ווערט דער „סוביעקטיווער פאקטאר״ ד. ה. דער גראד פון ארגאניזירטקייט פון די פראלעטארישע רייען און פון זייערע קאמוניסטישע אוואנגארדן (פארטייען) די צענטראלע פראגע פון דער גאנצער היסטארישער עפאכע.

2. דער לאזונג „צו די מאסן!״

דער לאזונג „צו די מאסן!״ וואס איז ארויסגעשטעלט געווארן פון דעם דריטן אלוועלטלאכן קאנגרעס פון קאמינ־טערן, בלייבט פאלשטענדיק אין קראפט. די ערפאלגן פון דעם קאמינטערן אין דעם לעצטן פעריאד, זיינען בלויז די ערשטע דערגרייכונגען. די ערפאלגן פון די איינצעלנע סעק־ציעס זיינען נאך ניט פארזיכערט. און אויב מיר ווען אין

דער חיזוק פון אריבערגעווינען די מאסן ניט זיין פארזים, קאנען מיר זייער לייכט אפגעשליידערט ווערן אויף צוריק.

3. ווי אזוי צו געווינען די מאסן.

די פראגע וועגן דעם ווי אריבערצוגעווינען די מאסן איז פון דעם 3טן און 4טן קאנגרעס פארמולירט געווארן אזוי:

„אונטער אזעלכע באדינגונגען בלייבט אין פולער קראפט די הויפט פאדערונג פון דעם 3טן אלוועלטלאכן קאנגרעס, וועלכער לויטעט, אז מ'מוז מאכן אלע אנשטריינגונגען צו פארברייטערן דעם קאמוניסטישן איינפלוס צווישן דער מערהייט פון דעם ארבעטער קלאס, און אריינציען אין קאמף דעם גרעסטן טייל פונ'ם ארבעטער קלאס".

מ'מוז איצט אנערקענען נאך מער ווי אין דער צייט פונ'ם דריטן קאנגרעס, אז אונטער אזעלכע באדינגונגען פון דער בורזשואזער ארדנונג קאן גאר אונערווארטעט ארויסשפרינגען א שארפער קריזיס, צי דאס וועט זיין אין פארבינדונג מיט א גרויסן סטרייק, צי איבער אן אויפשטאנד אין א קאלאניע, צי צוליב א נייער מלחמה, אדער אפילו אין פארבינדונג מיט א פארלאמענטארישן קריזיס. און טאקע דערפאר קריגט א ריזיקע באדייטונג דער „סוביעקטיווער פאקטאר", ד. ה. די שטופע פון באוואוסטזיין פון דער ארגאניזירטקייט און פון דער קאמפסלוסטיקייט פון ארבעטער קלאס און זיין אוואנגארד.

געווינען דעם ארבעטער קלאס פון אמעריקע און אייראפע — אט אין וואס איז באשטאנען און באשטייט נאך איצט די אויפגאבע פון קאמוניסטישן אינטערנאציאנאל.

אין די קאלאניאלע און האלב-קאלאניאלע לענדער האט דער קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל פאר זיך די פאלגענדע צוויי אויפגאבן.

1) צו באשאפן א קערן פון קאמוניסטישע פארטייען, וועלכע זאלן פארטרעטן די אלגעמיינע אינטערעסן פונ'ם פראלעטאריאט.

2) מיט אלע כחות אנהאלטן די נאציאנאלע רעוואלוציאנערע באוועגונג, וועלכע איז געריכטעט קעגן אימפעריא-

ליזם; ווערן דער אוואנגארד פון אט דער באוועגונג און אין די גרעניצן פון דער נאציאנאלער באוועגונג אויפוועקן און פארשטארקן די סאציאלע באוועגונג. (פון דעם זאמלבוך „די באשלוסן פונ׳ם פירטן אלוועלטלאכן קאנגרעס").

דער פינפטער אלוועלטלאכער קאנגרעס פון קאמינטערן באשטעטיקט פאלשטענדיק די פארמולעס פונ׳ם דריטן און פערטן קאנגרעס. ער שטרייכט אנטשלאסן אונטער, סיי פון איין זייט די פאליטישע טענדענצן פון די רעכטע, וועלכע פאדערן מ׳זאל צוערשט אריבערגעווינען די גרעסטע (אין ציפערן) צאל ארבעטער, און וועלכע גלויבן, אז וועגן ערנסטע רעוואלוציאנערע שלאכטן קאן גאר קיין רייד ניט זיין, ביז וואנען די קאמוניסטן וועלן ניט ערן לכל הפחות א 99 פראצענט פון אלע ארבעטער; פון דער צווייטער זייט ליקווידירט דער פינפטער קאנגרעס אפ דעם טעות פון די „אולטרא לינקע", וועלכע האבן נאך ביז איצט ניט פארשטאנען די וויכטיקע אלוועלטלאך־היסטארישע באדייטונג פונ׳ם לאזונג „צו די מאסן!", וועלכע שטיצן זיך צייטנווייז אויף דעם גלויבן, אז די קאמוניסטישע פארטייען קענען זיין פארטייען פון דער פראלעטארישער טעראריסטישער מינדערהייט, און גלויבן, אז די קאמוניסטישע פארטייען, וועלכע זיינען ניט געווארן קיין מאסנפארטייען, קענען פירן די מאסן אין שלאכט צו יעדן מאמענט.

---

4. פונדאמענטאלע פארבאדינגונגען פאר אויפבויען קאמוניסטישע מאסן פארטייען.

אזעלכע פארבאדינגונגען זיינען:

1. די ארגאניזאציאנעלע אויפבויאונג פון א פארטיי אויפ׳ן גרונט פון פארטייאישע פאבריק קערענדלאך (שאפ-נוקליי)

די גרעסטע צאל פון די אייראפייאישע קאמוניסטישע

פארטייען האלטן נאך אן ביז איצט די אלטע פרינציפן פון
ארגאניזאציאנעלן געבוי, וואס זיי האבן גע'ירש'נט פון די
סאציאל־דעמאקראטן. דאס איז אן איבערבלייבעכץ פון יעד־
נע צייטן, ווען די פארטיי איז באטראכט געווארן אלס א
פאסענדע וואל־מאשין. עס קען אפילו ניט זיין קיין רייד
וועגן שאפן אן ערנסטע און פעסטע קאמוניסטישע מאסן
פארטיי, ווען די דאזיקע פארטיי איז ניט געבויט אויף דעם
פונדאמענט פון פארטייאישע קערענדלאך אין די שעפער.
(דאס זעלבע באציט זיך אויך אויף די ארגאניזאציעס פון
דער יוגנט, אויף די ארגאניזאציעס פון די פרויען, א. א. וו.)
דאס איז ניט נאר אן ארגאניזאציאנעלע פראגע, נאר א
וויכטיקע פאליטישע פראגע. קיין איין קאמוניסטישע פאר־
טיי וועט ניט קענען פירן צום קאמף גרויסע מאסן פון פרא־
לעטאריאט און באזיגן די בורזשואזיע, אזוי לאנג ווי זי וועט
ניט האבן קיין פעסטן באזיס אין די פאברקן און ווארשטאטן,
אזוי לאנג ווי יעדע גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונג
וועט ניט ווערן די פעסטונג פון דער קאמוניסטישער פארטיי.

2. די ריכטיקע קאמוניסטישע ארבעט אין די טרייד־ יוניאנס.

כדי אויסצובילדן פארצווייגטע קאמוניסטישע פראק־
ציעס אין די טרייד יוניאנס (וואו עס לאזט זיך לעגאל,
און וואו מ'איז געצוואונגען, אומלעגאל) ניט אין ווערטער,
נאר אין דער ווירקלאכקייט, מוז מען אנפירן א סיסטעמא־
טישע, געדולדיקע ארבעט (וואס קען זיך פארציען יארן לאנג)
פאר דער עראבערונג פון די טרייד יוניאנס. עס פאדערט זיך
א קאמף, ווערבער ענטפערט אויף די פראוואקאציעס פון
די סאציאל־דעמאקראטישע פירער צו א שפאלטונג און צו
פארלאזן די טרייד יוניאנס מיט א נאך מער אנגעשטריינג־
טער ארבעט פאר דער איינקייט פון די טרייד יוניאנס. דאס
איז אויך איינע פון די וויכטיקסטע פארבינדונגען פאר דער
שאפונג פון פעסטע קאמוניסטישע מאסנפארטייען.

3. שאַפן אַ באַוועגונג פאַר שאַפ־קאָמיטעטן.

די באַוועגונג פאַר שאַפ־קאָמיטעטן איז אַ נייע אָרגאַני־
זאַציאָנס פאָרם פון פּראָלעטאַריאַט, פון וועלכער עס וואַקסן
אויס ביסלאַכווייז נייע, ווירקלאַך רעוואָלוציאָנערע טרייד־
יוניאָנס, און וועלכע ווען אונטער גינסטיקע באַדינגונגען
דינען אַלס אַ קערענדל פון שאַפן אַרבעטער סאָוועטן. אַ
קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט נאָך ניט באַוויזן אַרויס־
צורופן קיין ערנסטע באַוועגונג פאַר שאַפ־קאָמיטעטן אין
איר לאַנד און אויסאיבן אַ באַדייטענדן איינפלוס אין דער
ש׳ין עקזיסטירענדער באַוועגונג פאַר שאַפ־קאָמיטעטן, קאָן
ניט באַטראַכט ווערן אַלס אַן ערנסטע קאָמוניסטישע מאַסנ־
פּאַרטיי.

די עלעמענטאַרע און פונדאַמענטאַלע פאַרבאַדינגונגען,
די עלעמענטאַרע און פונדאַמענטאַלע פאַרבאַדינגונגען פאַ־
פאַר דער שאַפונג פון קאָמוניסטישע מאַסנפּאַרטייען פאַ־
ערט, אַז די אויפגאַבן אין די אָנגעגעבענע פינף פונקטן זאָלן
ריכטיק געלייזט ווערן. ווען אַט די פינף אויפגאַבן נעפינען
ניט קיין ריכטיקע לייזונג קאָן מען גאָר ניט ערנסט ריידן
וועגן די אַנדערע פראַגן פון קאָמוניסטישער פּאָליטיק.

4. די ריכטיקע פּאָליטיק פון אַ פּאַרטיי בנוגע דעם פויערטום.

ניט נאָר אין אַגריקולטורעלע אָדער האַלב־אַגריקולטו־
רעלע לענדער, נאָר אויך אין די טיפּישע אינדוסטריעלע
לענדער האָט דער קריזיס, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן
נאָך דער ערשטער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, געצוואונגען
באַדייטענדע שיכטן פון דעם פויערטום פיל מער צוצוהערן
זיך צו די רעוואָלוציאָנערע אידייען פון די קאָמוניסטן, ווי
פאַר דער מלחמה. דער פּראָלעטאַריאַט קען ניט זיגן און
איינפירן אַ סאָוועטן סיסטעם, כל זמן ער פירט ניט אַן אין
אַ משך פון יאָרן אַ פּאָליטיק, וואָס זאָל נייטראַליזירן אוי־
ניקע שיכטן פון דעם פויערטום און אַריבערגעווינען אויף

זיין זייט די אַנדערע. קאָמוניסטישע פּאַרטייען, וואָס ווילן ווערן רעוואָלוציאָנערע מאַסן־פּאַרטייען, קאָנען זיך נים צו־פרידנשטעלן נאָר מיט „טעזיסן“ וועגן דער אַגראַר פּראַגע, נאָר דאַרפן זיין בכח איינצופירן אַ לעבעדיקע פאַרבינדונג צווישן דעם אַוואַנגאַרד פון דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם בעסערן טייל פון דעם פּויערטום. אָט די פאַרבינדונג (וועל־כע האָט אויך אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער פאַרבינדונג מיט דער אַרמיי, וואָס ווערט אין אַ גרויסער מאָס צוזאַמענ־געשטעלט פון פּויערטום) קאָן איינגעשטעלט ווערן הויפּט־זעכלאַך דורך די אַרבעטער. מ'מוז באַטראַכטן פאַר אַ נויט־ווענדיקן כלל, אַז די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער אין די פאַב־ריקן און די שעפּער, וואו די קאָמוניסטן האָבן אַ גרויסן איינפלוס, זאָלן סיסטעמאַטיש שיקן אין די דערפער גרויסע דעלעגאַציעס. וואָס זאָלן זאַמלען פאַר אָט דעם צוועק די נויטיקע מאַטעריעלע מיטלען, א. ד. גל. די ניט גענוג ערנסטע באַציאונג צו דער פראַגע וועגן פּויערטום איז אַן איבערבלייבעכץ פון דעם סאָציאַל דעמאָקראַטיזם אין אונ־זערע רייען. די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן ניט באַוויזן אַריינצודרינגען מיט זייער רעוואָלוציאָנערער אַר־בעט אין דעם פּויערטום, קאָנען ניט באַטראַכט ווערן אַלס קאָמוניסטישע מאַסנפּאַרטייען, וואָס זיינען בכח ערנסט אָוועקצושטעלן די פראַגע. וועגן פאַרכאַפּן די מאַכט. עס פאַרשטייט זיך, אַז אונזערע סעקציעס בלייבן דערביי מאַרק־סיסטישע אַרבעטער פּאַרטייען, אָבער ניט קיין פּאַרטייען פון אַרבעטער און פּויערים.

5. די ריכטיקע פּאָליטיק אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

אין אַ גאַנצער רייע לענדער האָט, צוליב דער נאַציאָ־נאַלער צוטיילונג פון דעם „פרידן“ נאָך דער ערשטער אימ־פּעריאַליסטישער מלחמה, זיך פאַרשטאַרקט די אונטער־דריקונג פון נאַציאָנאַליטעטן און עס האָט זיך געשאַפן אַ נאַציאָנאַלע גראַדאַציע. אין אַ גאַנצער רייע לענדער אין אייראָפּאַ און נאָך מער אין די קאָלאָניעס

און האלבע קאלאניעס האט זיך אנגעזאמלט א מאסע פון ברענענדן מאטעריאל, וואס קען אויפרייסן די הערשאפט פון דער בורזשואזיע. א ריכטיקע פאליטיק פון די קאמוניסטן אין דער נאציאנאלער פראגע, ווי דאס איז גענוי באגרינדעט אין די טעזיסן פון דעם צווייטן אינטערנאציאנאלן קאנגרעס, איז איינער פון די וויכטיקסטע פונקטן אין דער פאליטיק פון אריבערגעווינען די מאסן און צוגרייטן א זיגרייכע רעוואלוציע. דער ניהיליזם און די אפארטוניסטישע אבערגלויבנס אין דער נאציאנאלער פראגע, וואס מערקן זיך נאך עד היום אין א גאנצער רייע פון קאמוניסטישע פארטייען, זיינען די שוואכסטע פונקטן פון די דאזיקע פארטייען, וועלכע וועלן קיינמאל ניט קאנען ערפילן זייער היסטארישע אויפגאבע, כל זמן זיי וועלן ניט פטור ווערן פון אט דער שוואכקייט.

5. צווישן די צוויי כוואליעס פון דער פראלעטארישער רעוואלוציע

אין דעם משך פון דעם לעצטן יאר ווייזן זיך סמנים פון א נייער כוואליע פון רעוואלוציע. דער אנפאנג פון רעוואלוציאנערע קאמפן אין דייטשלאנד, די אויפשטאנדן אין בולגאריען און פוילן, די גרויסע עקאנאמישע סטרייקס אין א גאנצער רייע לענדער זאגן עדות, אז עס ווערן רייף נייע רעוואלוציאנערע געשעענישן.

אבער טאקע די עפאכע צווישן צוויי רעוואלוציעס, אדער צווישן צוויי כוואליעס פון א רעוואלוציאנערן אויפשטאנד, איז אפטמאל די מוטער פון אפארטוניסטישע אפנייגונגען אויף רעכטס און פון עקסטרעם לינקע אפנייגונגען צו פאסיווקייט — אפנייגונגען, וואס זיינען צונעדעקט מיט א ראדיקאלער פראזע און זיינען אין דער ווירקלאכקייט מענשעוויזם אויף דער לינקער זיים.

6. אומ׳ברחמנות׳דיקער קאַמף קעגן אָפּאָרטוניסטישע אפנייגונגען

דער פעריאָד צווישן 4טן און 5טן קאָנגרעס פונ׳ם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט באַוויזן, אַז די אָפּאָרטוניסטישע אפנייגונגען אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג זיינען פיל שטאַרקער ווי מ׳האָט זיך געקענט פאָרשטעלן. אַ גאַנצע רייע סעקציעס פון דעם קאָמינטערן זיינען טיילווייז געבאָרן געוואָרן פון די סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטייען און האָבן מיטגעשלעפּט מיט זיך נאָך־ניט ליקווידירטע איבערבלייבעכצן פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טראַדיציעס. מיט דער צייט, ווען די פּאַרטייען פון דעם קאָמינטערן ווערן מאַסן־פּאַרטייען, קענען די אפנייגונגען אויף רעכטס אָננעמען אַ העכסט געפערלאַכן כאַראַקטער.

אויף דעם פינפטן קאָנגרעס איז קלאָר געוואָרן, אַז אין אָט דער צייט האָבן אין אייניקע פון די וויכטיקסטע לענדער פון דער ארבעטער באַוועגונג פאָרשטייער פון דער רעכטער אָפּנייגונג געמאַכט פאַרזוכן אויסצוטייטשן אויף אַ שלעכטן שטייגער די טאַקטיק פון אַ פאַראייניקטן פראָנט און אויסצו׳פּשט׳לען די דאָזיקע טאַקטיק אַלס אַן ענגן פּאָליטישן פאַרבאַנד, אַלס אַן אָרגאַנישע קאָאַליציע פון אַלע „אַרבעטער פּאַרטייען“, ד. ה. אַלס אַ פּאָליטישן פאַרבאַנד פון קאָמוניסטן מיט סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אין דער צייט, וואָס פאַר דעם קאָמינטערן האָט די טאַקטיק פון אַ פאַראייניקטן פראָנט געהאָט איר הויפּט אויפגאַבע אָנצופירן אַ קאַמף קעגן דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און צו באַפרייען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער פון דער ווירקונג פון אָט די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פירער, האָבן די פאָרשטייער פון דער רעכטער אפנייגונג פרובירט אויסטייטשן אָט די טאַקטיק אַלס אַ פּאָליטישן פאַרבאַנד מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

דער פינפטער אַלוועלטלאַכער קאָנגרעס פונ׳ם קאָמינטערן פאַרדאַמט אָט די קליינבירגערלאַכע אפנייגונג, ווייזט

קאַטעגאָריש צוריק אַזאַ אויסטייטשונג פון דער טאַקטיק פון
אַ פאַראייניקטן פראָנט, וואָס האָט זיך געלאָזט מערקן אין
אייניקע סעקציעס פון קאָמינטערן, און ערקלערט, אַז ער וועט
אום'ברחמנות'דיק באַקעמפן אַזאַ פּאָליטיק, וואָס ווידער־
שפּרעכט אין גרונד די באַשלוסן פון דעם קאָמוניסטישן אינ־
טערנאַציאָנאַל.

7. די ערקלערונג פון „עקסטרעם לינקע" אפּנייגונגען

דער באָלשעוויזם אַלס אַ באַוועגונג פון דעם רעוואָלו־
ציאָנערן פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד איז געשאַפן געוואָרן
ניט נאָר אין דעם קאַמף קעגן מענשעוויזם און צענטריזם,
נאָר אויך אין דעם קאַמף קעגן „עקסטרעם־לינקע" אָפּניי־
גונגען. אַלס אַן אַלוועלטלאַכע באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַ־
ציע פירט דער קאָמינטערן אָן שוין פון די ערשטע טעג פון
זיין עקזיסטענץ אַן אום'ברחמנות'דיקן קאַמף ניט נאָר קעגן
דעם אָפּאָרטוניזם פון רעכטס, נאָר אויך קעגן די „עקסטרעם־
לינקע" אָפּנייגונגען, וואָס זיינען אָפטמאָל ניט מער ווי אַן
אָפּאָרטוניזם פון דער צווייטער זייט. פאַר דער צייט צווישן
דעם פערטן און פינפטן קאָנגרעס האָבן די „עקסטרעם לינ־
קע" אָפּנייגונגען אָנגענומען אַ באַזונדערס געפערלאַכן אויס־
דרוק אין דער פראַגע וועגן דער אַרבעט אין די רעאַקציאָנערע
טרייד יוניאָנס. די באַוועגונג פאַר דעם, אַז קאָמוניסטן
זאָלן אַרויסטרעטן פון די טרייד יוניאָנס, טראָגט אין זיך די
גרעסטע געפאַרן פאַר'ן קאָמוניזם. ווען דער קאָמינטערן זאָל
נאָכאַמאָל און ווידער אַמאָל ניט באַקעמפן אויפ' שאַרפסטן
אופן די דאָזיקע טענדענצן, וואָס זיינען אין די אינטערעסן
פון די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פירער פון דער סאָציאַל־דע־
מאָקראַטיע, וועלכע ווילן פּטור ווערן פון די קאָמוניסטן אין
די טרייד יוניאָנס, וועלן מיר קיינמאָל ניט שאַפן קיין אמת־
באָלשעוויסטישע פּאַרטייען.

די „עקסטרעם־לינקע" אָפּנייגונגען האָבן זיך אויך אויס־

געדריקט אין דער „פרינציפיעלער" אפליקענונג בכלל פון דער טאקטיק פון מאנעווערן, און בפרט אין נים פארשטיין די טאקטיק פון א פאראייניקטן פראנט; אין נים וועלן זי דורכפירן אין דער ווירקלאכקייט: אדער אין די פארזוכן צו אנערקענען די טאקטיק פון א פאראייניקטן פראנט בלויז אויף דעם עקאנאמישן געביט און נים אויפ'ן פאליטישן, א. ד. גל. וואס מ'טאר נים — איז באנוצן זיך מיט מאנעווירן פאר דער דורכפירונג פון אפארטוניסטישע מעטאדן.

אנפירענדיק אן אומ'ברחמנות'דיקן קאמף קעגן די אפארטוניסטישע אפנייגונגען אויף רעכטס, דארף דער קאמינטערן סיסטעמאטיש ערקלערן די פאלשקייט און געפערלאכקייט פון דער עקסטרעם-לינקער אפנייגונג, וואס איז פיינדלאך צו דעם געדאנק וועגן שאפן קאמוניסטישע מאסן פארטייען, וועלכע זאלן זיין פעאיק צו מאנעווירן.

8. וועגן דער טאקטיק פון פאראייניקטן פראנט

נים קוקנדיק אויף די גוואלדיק גרויסע אפארטוניסטישע טעות'ן און שלעכטער אויסטייטשונג פון דער טאקטיק פון פאראייניקטן פראנט מצד די רעכטע, — שלעכטע אויסטייטשונגען, וועלכע האבן ערטערווייז שיעור נים געבראכט צו א פולשטענדיקער פארניכטונג פון דער קאמוניסטישער פארטיי — האט די אנווענדונג פונ'ם פאראייניקטן פראנט צווישן דעם פערטן און פינפטן קאנגרעס פון קאמינטערן אין אלגעמיין אן צווייפל געבראכט נוצן און האט אונז געהאלפן זיך דערנענטערן צום וועג פון פארוואנדלען א רייע סעקציעס פון קאמינטערן אין מאסן-פארטייען.

אין דער צייט ווען די קאמוניסטישע פארטייען פארבלייבען נאך אין א רייע לענדער א מינדערהייט: ווען די סאציאל-דעמאקראטיע האט צוליב די היסטארישע אומשטענדן נאך אלץ א באדייטנדיקע נאכפאלגערשאפט פונ'ם ארבעטער קלאס: ווען דאס אנגרייפן פון קאפיטאל אין דער אדער

יענער פאָרמע האַלט נאָך אָן: ווען דער אַרבעטער־קלאַס האָט נאָך ניט צוזאַמענגעקליבן גענוג כחות ערנסט צו אָרגאַניזירן פאַרטיידיקונגס־שלאַכטן, — איז און פאַרבלייבט די טאַקטיק פון פאַראייניקטן פראָנט די אַבסאָלוט ריכטיקע און נויטווענדיקע.

די פראַגע אַנצואווענדן דעם פאַראייניקטן פראָנט, אַף וועלכן עס האָט שוין אָפט אָנגעוויזן דער קאָמינטערן, פאַרבלייבט אין קראַפט: ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז בלויז מיט אַלגעמיינע לאָזונגען וועט מען זיך שוין ניט באַגיין; אַז די פאַרטייען פון קאָמינטערן קענען אין איצטיקן פעריאָד ניט אויסנוצן די טאַקטיק פון פאַראייניקטן פראָנט אַלס אַזעלכע, און אַז צוליב דעם אַליין איז דאָ אַ געפאַר, אַז דער פאַראייניקטער פראָנט זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַן אָפּאָרטוניסטישע טאַקטיק און אין אַ קוואַל פון רעוויזיאָניזם.

די טאַקטיק פון פאַראייניקטן פראָנט איז נאָר אַ מעטאָד ווי צו אַגיטירן און מאָביליזירן די מאַסן פאַר אַ געוויסן פעריאָד. יעדער פאַרזוך אויסצוטייטשן די טאַקטיק אַלס אַ פּאָליטישע פאַראייניקונג מיט דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ווייזט זיך אַרויס אַלס אַן אָפּאָרטוניזם, וועלכן דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל שליידערט צוריק.

די רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק פון פאַראייניקטן פראָנט קען נאָר דעמאָלט ריכטיק אָנגעווענדעט ווערן, ווען באַגרייפענדיק גאַנץ קלאָר אַלע געפאַרן פון אַזאַ טאַקטיק, וועט יעדע אַקציע באַזונדער מעכאַניש שטעלן פאַר זיך די קאָנקרעטע אויפגאַבע אַריבערצוגעווינען און אָרגאַניזירן די מאַסן צו אַ קאַמף פאַר באַשטימטע צילן און קלענערע פאָדערונגען פון טאָג און צו קאָנצענטרירן זייערע כוחות, האַבנדיק שטענדיק אין זינען די רעוואָלוציע, און שטעלנדיק זיך די אויפגאַבע אַריינצוציען אין קאַמף די מערהייט פונ'ם ענטשלאָסענעם טייל פון פראָלעטאַריאַט, און אויף אַזאַ אופן צוצוגרייטן דעם איבערגאַנג צום אַנגריף אַף דער בורזשואַזיע.

1) ס'איז אַלע מאָל און אומעטום נויטווענדיק אַנצוא־

ווענדן די טאקטיק פון פאראייניקטן פראנט פון אונטען, מיט דער אויסנאמע, מעגלאך, פון זעלטענע מאמענטן פון ענטשלאסענע קאמפן ווען די רעוואלוציאנערע ארבעטער - קאמוניסטן קומט אויס מיט געווער אין די הענט צו קעמפן קעגן יענע גרופן פראלעטאריער, וועלכע קעמפן לויט זייער אומוויסנדיקייט קעגן אונז. נאר אפילו אין אזעלכע זעלטענע מאמענטן מוז מען מאן אלעס מעגלאכעס צו פארווירקלאכן די אייניקייט די די ארבעטער, וואס גייען ניט מיט די קאמוניסטן. פון אונטן. די ערפארונג פון דער רוסישער רעוואלוציע און פון דעם רעוואלוציאנערן קאמף אין דייטשלאנד האבן באוויזן, אז דאס איז מעגלאך.

2) די אייניקייט פון אונטן און צוגלייך די אונטערהאנדלונגען מיט די פירער — אט דעם מעטאד מוז מען אנווענדן גאנץ אפט אין אזעלכע לענדער, וואו די סאציאל־עמאקראטיע שטעלט מיט זיך פאר א באדייטנדיקע קראפט. אט די אונטערהאנדלונגען מיט ח בירער דארף ניט צונעמען פון דער פארטיי איר קאמוניסטישע זעלבסטשטענדיקייט. דערביי דארף דער באזיס פון דורכפירן די טאקטיק פון פאראייניקטן פראנט אויך אין דעם פאל פארקומען פון אונטן. דאס ווענדן זיך צו די אפיציעלע ארגאנען פון דער סאציאל־דעמאקראטיע (אפענע בריוו א. א. וו.) דארף זיך ניט פארוואנדלען אין א שאבלאן. די הויפטזאך איז — פריער פאר אלץ באשאפן צווישן די ארבעטער־מאסן (אריינגערעכנט אויך די סאציאל־דעמאקראטישע ארבעטער) א פארלאנג צוגונסטן דעם אדער יענעם אנגריף, און אנפאנג פון דעם אדער יענעם־קאמף, און נאכדעם ערשט זיך ווענדן צו די אפיציעלע ארגאנען פון דער סאציאל דעמאקראטיע, כדי זיי אוועקצושטעלן פנים אל פנים מיט א פאקט, וועלכער איז שוין פאראן אין דער פארמע פון געוויסע פארלאנגען באם ארבעטער קלאס, און אין פאל זיי זאגן זיך אפ צו אונטערשטיצן דעם קאמף, אראפרייסן זייער מאסקע פאר די מאסן.

ס'איז זעלבסטפארשטענדלאך, אז די קאמוניסטישע פארטייען דארפן אנהאלטן זייער פאלשטענדיקע און אבסאלוטע זעלבסטשטענדיקייט צו יעדן מאמענט פון זייערע פארהאנדלונגען, אן צוויפל אנהאלטן זייער קאמוניסטישן „פנים“. פאר דעם צוועק דארפן די אונטערהאנדלונגען מיט די פירער פון דער סאציאל־דעמאקראטיע פארקומען אפן און די קאמוניסטן דארפן אנווענדן אלעם מעגלאכעם צוצוציען די אויפמערקזאמקייט פון די ארבעטער־מאסן צו אט די אונטערהאנדלונגען.

3) די טאקטיק פונ'ם פאראייניקטן פראנט נאר פון א ו י ב ן — איז א מעטאד, וועלכן דער קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל ווארפט ק א ט ע ג א ר י ש און ענטשלאסן צוריק.

פיל מער געוויכט ווערט געלייגט אף דעם פאראייניקטן פראנט פ ו ן א ו נ ט ן, ד. ה. אזא פאראייניקונג, וועלכע פארווירקלאכט זיך מיט דער הילף פון דער קאמוניסטישער פארטיי צווישן ארבעטער קאמוניסטן און ארבעטער סאציאל־דעמאקראטן מיט אומפארטייאישע ארבעטער אין פאבריק,, זאוואד, אדער יוניאן אף א מאסשטאב פון איין פאבריק־צענטער אדער א גאנצער געגנט, אויף א מאסשטאב פון א גאנצער פראפעסיע, איבערן גאנצן לאנד א. א. וו.

עס פארשטייט זיך, אז דאס אנווענדן די טאקטיק פון פאראייניגטן פראנט קען און דארף זיך ענדערן לויט די קאנקרעטע אומשטענדן אין יעדן איין לאנד און צו יעדער צייט. אן אגולנע, שאבלאנע דורכפירונג פון דער טאקטיק פון פאראייניקטן פראנט רויבט אוועק פון אט דער טאקטיק יעדע ווירקונג און פארוואנדלט זי גראד אין דעם היפוך פון איר צוועק.

באם פארווירקלאכן די טאקטישע מעטאדן דארף מען נעמען אין אנבאטראכט אלע באדינגונגען פון א געוויסן לאנד, די סטרוקטור פונ'ם לאנד, און דעם צושטאנד פון דער באטרעפנדער קאמוניסטישער פארטיי. דערביי דארף דאס

הויפּטגעוויכט געלייגט ווערן אַף צו מאָביליזירן די מאַסן פון אונטן, אַף צו באַשאַפן קאַמפס אָרגאַנען און אַף צו אָרגאַניזירן אַ פאַרבאַנד מיט די הויפּט שיכטן פון די אַרבעטער־מאַסן (פּראָלעטאַריאַט, פּויערטום, לאַנדלאָזער פּראָלעטאַריאַט), וועלכע דאַרפן אַריינגעצויגן ווערן אין קאַמף.

די טאַקטיק פון פאַראייניקטן פראָנט איז געווען און איז אַ מעטאָד פון רעוואָלוציע, און ניט פון פרידליכער עוואָלוציע. די טאַקטיק פון פאַראייניקטן פראָנט איז געווען און פאַרבלייבט די טאַקטיק פון סטראַטעגישן מאַנעווער פון׳ם קאָמוניסטישן אַוואַנגאַרד, וועלכער איז אַרומגערינגלט מיט שונאים פון אַלע זייטן, אין זיין קאַמף קודם־כל קעגן די פאַררעטערישע פירער פון דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, און איז פאַר קיין פאַל ניט אַ טאַקטיק פון אַ פאַראייניקונג מיט אָט די פירער. די טאַקטיק פון פאַראייניקטן פראָנט איז געווען און בלייבט די טאַקטיק פון שטופּנווייזער צוציאונג אַף אונזער זייט אַרבעטער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און דעם בעסטן טייל פון די אומפּאַרטייאישע אַרבעטער, און פאַר קיין פאַל ניט אַ טאַקטיק פון פאַרקלענערן אונזערע צילן צו דער שטופּע פון זייערע באַגריפן.

9. אַן אַרבעטער און פּויערים רעגירונג.

דעם לאָזונג „אַרבעטער־פּויערים רעגירונג" האָט דער קאָמינטערן פאַרשטאַנען און פאַרשטייט נאָך איצט, אַלס אַ שלוס פון דער טאַקטיק פון פאַראייניקטן פראָנט, ווי דאָס איז פאַרשטאַנען געוואָרן פריער. די אָפּאָרטוניסטישע עלעמענטן פון קאָמינטערן האָבן די לעצטע צייט געזוכט פאַרדרייען דעם לאָזונג „אַרבעטער און פּויערים רעגירונג", אויסטייטשנדיק אים אַלס אַ רעגירונג „אין די ראַמען פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע", אַלס אַ פּאָליטישן פאַרבאַנד מיט דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע. דער 5טער אַלוועלטלאַכער קאָנגרעס פון קאָמינטערן האָט קאַטעגאָריש צוריקגעשליידערט

.אזא אויסטייטשונג. דער לאָזונג „אַרבעטער־פּויערים רעגי־
רונג”, איבערזעצט פון קאָמינטערן אַף דער רעוואָלוציאָנערער
שפּראַך, אַף דער שפּראַך פון די פאָלקסמאַסן, מיינט דער
לאָזונג פון דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. דער לאָזונג „אַר־
בעטער און פּויערים רעגירונג”, וואָס איז געבאָרן געוואָרן
פון דער ערפאַרונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, איז קיין
אַנדער זאַך ניט געווען און וועט ניט זיין, ווי אַ מעטאָד צו
אַגיטירן און מאָביליזירן די מאַסן רעוואָלוציאָנערן אָרגנטער־
צוּוואַרפן די בורזשואזיע און באַשאַפן אַ סאָוועטן אָרדנונג.
כדי אין דער ווירקלאַכקייט צו באַשאַפן אַן אַרבעטער אָדער
אַרבעטער און פּויערים רעגירונג, מוז מען קודם כל אַראָפּ־
וואַרפן די בורזשואזיע, וועלכער עס געהערט היינט צוטאָג
די מאַכט אין אַלע לענדער חוץ אין סאָוועט־רוסלאַנד; אונ־
טערשליידערן די בורזשואזיע און זי מאַכן אומשעדלאַך; אונ־
טערדריקן איר ווידערשטאַנד און באַשאַפן ווירקלאַכע פאַרבאַ־
דינגונגען פאַר אַ דויערהאַפטע אַרבעטער און פּויערים רעגירונג
— דאָס איז מעגלאַך בלויז דורך אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד
פונ'ם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער פירט הינטער זיך דעם גרע־
סערן טייל פון פּויערים.

דער לאָזונג „אַרבעטער און פּויערים רעגירונג” איז געווען
און בלייבט דער בעסטער לאָזונג פאַר צוצוטרעטן צו די מאַסן
צו די ברייטע שיכטן האָראַפּאַשניקעס.

אינ'ם איצטיקן פעריאָד, ווען די פירער פון דער סאָציאַל־
דעמאָקראַטיע ווערן אַלץ מער און מער אַריינגעצויגן אין רע־
גירונגס אַמטן צוזאַמען מיט דער בורזשואזיע, און די ברייטע
מאַסן אַרבעטער וואָס גייען נאָך הינטער דער סאָציאַל דעמאָ־
קראַטיע, פאַלן אַריין אין אַ נאָך גרעסערע אָרימקייט,
באַשאַפט זיך אַ לאַגע, וואָס איז אין פילע פאַלן אַ זייער
גינסטיקע פאַר אונז דורכצופירן די טאַקטיק פון פאַראייניקטן
פראָנט און פון אַן אַרבעטער און פּויערים רעגירונג.

גראָדע אין דעם זעלבן פעריאָד, ווען די אָפיציעלע סאָ־
ציאַל־דעמאָקראַטיע ווערט אַ „דריטע” רעגירונגס־פּאַרטיי
פון דער בורזשואזיע, און די פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָ־

קראטיע ווערן אלץ מער און מער אריינגעצויגן אין רעגירונגס־קאמבינאציעס מיט דער בורזשואזיע — ווען אין אט דעם פעריאד איז ריכטיק דורכגעפירט די טאקטיק פון פאראייניקטען פראנט, דאן ציען מיר, קאמוניסטן, אריין א באדייטנדיקע מאסע פשוט'ע ארבעטער סאציאלדעמאקראטן אין עקאנאמישע און אויך אין פאליטישע קאמפן צוזאמען מיט אונז. דאן ווערט געשאפן די בעסטע, די גינסטיקסטע לאגע פאר ליקווידירן דעם איינפלוס פון די קאנטר־רעוואלוציאנערע פירער פון דער סאציאלדעמאקראטיע און אריבערצוציען אויפ'ן זייט פון קאמוניזם א באדייטנדיקן טייל האראפאשניקעס.

דער לאזונג „ארבעטער־פויערים רעגירונג" וועט פאר קיין פאל ניט ווערן פאר די קאמוניסטן א טאקטיק פון פארלאמענטארישע אפמאכן און קאמבינאציעס מיט דער סאציאלדעמאקראטיע. פארקערט, אויך די פארלאמענטארישע טעטיקייט פון די קאמוניסטן מוז זיין געווענדעט אויפצודעקן די קאנטררעוואלוציאנערע ראל פון דער סאציאלדעמאקראטיע און אויפקלערן די ברייטע מאסן ארבעטער דעם פאלשן, פאררעטערישן כאראקטער פון די אזוי גערופענע „ארבעטער"־רעגירונגען, וואס זיינען באשאפן געווארן פון דער בורזשואזיע, און אין דער ווירקלאכקייט ווייזן זיי זיך ארויס פאר ליבעראלע בורזשואזע רעגירונגען.

10. צייטווייליקע פאדערונגען

די טאקטיק פון קאמוניסטישן אינטערנאציאנאל שליסט ניט נאר ניט אויס, נאר, פארקערט, באטראכט פאר א פארשטענדלאכע זאך ארויסצושטעלן אין אונזער אגיטאציע און פאליטיק צייטווייליקע פאדערונגען. דערביי איז נויטווענדיק צו האבן אין זינען דריי אומשטענדן:

א) די ארויסגעשטעלטע פון אונז פאדערונגען דארפן זיין לעבנס־פאדערונגען, ד. ה. דארפן זיין אזעלכע, וועלכע קענען געשטיצט ווערן פון די ברייטע מאסן ארבעטער.

ב) אָט די פאָדערונגען דאַרפן ליגן אַף דער ליניע פון רעוואָלוציאָנערער ענטוויקלונג.

ג) די פאָדערונגען דאַרפן זיך אַלע מאָל פאַרבינדן מיט דעם ענדגילטיקן צוועק: פון דעם טיילווייזן דאַרפן מיר גיין צום אַלגעמיינעם, פון טיילווייזע פאָדערונגען — צו דער גאַנצער סיסטעם פאָדערונגען, וועלכע קומען זיך צו־זאַמען אין סך־הכל צו אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע.

אין דער צייט, ווען די רעפאָרמיסטן שטעלן אַרויס מינימאַלע פאָדערונגען אַ נ ש ט אָ ט דער פראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, שטעלן די קאָמוניסטן אַרויס מינימאַלע פאָדע־רונגען מ י ט ׳ ן צ ו ע ק בעסער צוצוגרייטן די פראָ־לעטאַרישע רעוואָלוציע. די גאַנצע אַגיטאַציע פון די קאָ־מוניסטן פאַר מינימאַלע פאָדערונגען פאַרבינדן יעדע פון אָט די פאָדערונגען מיטן פראָגראַם פון דער רעוואָלוציאָ־נערער איבערקערעניש, איבערהויפט אין אַזעלכע לענדער, וואו דער קריזיס פון דער בורזשואַזער אָרדנונג איז בולט.

11. דעמאָקראַטיש־פּאַציפיסטישע אילוזיעס

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער באַשאַפענער אַלוועלטלאַכער לאַגע מוז צייטווייליג אַרויסגערופן ווערן בײַ געוויסע שיכטן אַרבעטער דעמאָקראַטיש־פּאַציפיסטישע אילוזיעס. די פירער פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן וועלן טאָן אַלעס מעגלאַכעס אויפצולעבן אַזעלכע אילוזיעס.

דער קאַמף מיט אָט די אילוזיעס, וועלכער וועט פאַר די קאָמוניסטן אין דער נאָנטער צוקונפט זיין איינע פון זייערע וויכטיקסטע אויפגאַבן, שליסט פאַר קיין פאַל ניט אויס די אָנווענדונג פון דער טאַקטיק פונ׳ם פאַראייניקטן פראָנט. פאַרקערט, די ריכטיקע אָנווענדונג פון דער טאַקטיק פון פאַר־אייניקטן פראָנט (צוצוציען ברייטע שיכטן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטערשאַפט צו דעם עקאָנאָמישן קאַמף,

ווי ער ווערט אנגעפירט פון די קאמוניסטן, און ארויסשטעלן עלעמענטארע פאליטישע פאדערונגען, וועלכע די איצטיקע „ארבעטער"־רעפובליקן קאנען אייגנטלאך ניט פארווירקלאכן), קען זיין דער בעסטער מיטל ווי בייצוקומען די דעמאקראטיש־פאציפיסטישע אילוזיעס.

דאס אנווענדן פון דער טאקטיק פון פאראייניקטן פראנט קען נאר דאן ערפאלגרייך דורכגעפירט ווערן, ווען דעמאקראטיש־פאציפיסטישע אילוזיעס וועלן ניט אריינדרינגען אין אונזערע אייגענע רייען, און ווען די קאמוניסטן וועלן זיין אימשטאנד צו זען די גאנצע געפאר פון אנווענדן די טאקטיק פון פאראייניקטן פראנט און דעם לאזונג „ארבעטער און פויערים רעפובליק", אף וואס עס האט שוין ניט איין מאל אנגעוויזן דער קאמינטערן.

12. מערב און מזרח

דער קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל איז אן ארגאניזאציע פון דער וועלט־רעוואלוציע. אין דער זעלבער צייט איז צוליב געוויסע באדינגונגען די אויפמערקזאמקייט פון קאמינטערן צו פיל געניינגט אף דער זייט פון מערב. עס איז נויטווענדיק צו שיינקען מער אויפמערקזאמקייט אף דער ארבעט פון מזרח, אין דעם ברייטסטן זין פון ווארט. אין אינדיען, יאפאן, כינע, טערקיי האבן זיך פאר דער לעצטער צייט נעשאפן די ערשטע קערנדלאך פון א קאמוניסטישער באוועגונג. אין אט די אלע לענדער פאנגט זיך אן א ברייטער עקאנאמישער קאמף פון די ארבעטער. דער קאמינטערן מוז שיינקען די שטארקסטע אויפמערקזאמקייט אט דער באוועגונג און אין דער זעלבער צייט דארף דער קאמינטערן שטיצן די באוועגונג פון אלע אונטערדריקטע נאציאנאליטעטן, וועלכע זיינען געווענדעט קעגן אימפעריאליזם אין דעם גייסט פון דער רעזאלוציע פון צווייטן אלוועלטלאכן קאנגרעס, געדיינקענדיק, אז אט די באוועגונגען וועלן זיין אייגנע

פון די וויכטיקסטע טיילן פון דער גרויסער באפרייאונגס־באוועגונג, וועלכע קען ברייגגען צום זיג די רעוואלוציע, ניט נאר אף אן אייראפייאישן מאסשטאב, נאר אף א וועלט־מאסשטאב.

13. צוויי פערספעקטיוון

די עפאכע פון א וועלט־רעוואלוציע האט זיך שוין אנגעפאנגען. די שנעלקייט פון איר ענטוויקלונג אין אלגעמיין און אין די שנעלקייט פון דער ענטוויקלונג פון רעוואלוציאנערע געשעהענישן אין איינצעלנע פאלן אין דעם אדער יענעם טייל פון ערד־קוגל, אדער אין דעם אדער יענעם לאנד קען מען געניי ניט פארויסזען. די גאנצע לאגע איז אזא אז עס זיינען מעגליך צוויי פערספעקטיוון: א) ס'איז ניט אויסגעשלאסן א לאנגזאמערע און פארצויגענע ענטוויקלונג פון דער פראלעטארישער רעוואלוציע און ב) פון דער אנדערער זייט, איז דער באדן אונטער'ן קאפיטאליזם אויף אזוי פיל אונטערגעמינערט, און די ווידערשפרוכן פון קאפיטאליזם ענטוויקלען זיך אין אלגעמיין אזוי שנעל, אז דער לעצטער אקט קאן זיך אפשפילן אין דעם אדער יענעם לאנד אין דער גאר נאענטער צוקונפט.

דער קאמינטערן מוז בויען זיין טעטיקייט אויף דער מעגליכקייט פון ביידע פערספעקטיוון. דער מאנעווירן פון קאמינטערן דארף באשטיין אין דעם, וואס ער זאל קענען זיך צופאסן צו דער געענדערטער טעמפא. אין פאל די געשעענישן פארציהען זיך, דארף דער קאמינטערן יעדנפאלס, אלס א קאמוניסטישע מאסן־פארטיי פון דער פראלעטארישער איבערקערעניש, צונויפזאמלען ארום זיך די מאסן און צוגרייטן זיי פאר'ן רעוואלוציאנערן קאמף פאר מאכט.

14. די באַלשעוויזירונג פון דער פּאַרטיי און דאָס אויפבויען פון אַן איינציגער אַלוועלט־לאַכער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

די הויפּט אויפגאַבע אין דער טעטיקייט פון דעם קאָמינטערן אין דעם איצטיקן פּעריאָד איז צו באַלשעוויזירן די סעקציעס פון קאָמינטערן. אָט דער לאָזונג דאַרף פאַר קיין פאַל ניט פאַרשטאַנען ווערן, אַלס אַ מעכאַנישע אריבערטראָגונג פון דער גאַנצער ערפאַרונג פון דער רוסישער באַלשעוויסטישער פּאַרטיי אויף אַלע אַנדערע פּאַרטייען. די פונדאַמענטאַלע שטריכן פון אַ באמת באַלשעוויסטישער פּאַרטיי זיינען פאַלגענדע:

א) די פּאַרטיי דאַרף זיין אין דער אמת'ן אַ מאַסן־פּאַרטיי, ד. ה. זייענדיג לעגאַל אָדער אומלעגאַל, דאַרף זי קענען אָנהאַלטן די ענגסטע פאַרבינדונג מיט דער ארבייטער־מאַסע און אויסדריקן אירע נויטן און האָפנונגען.

ב) זי דאַרף זיין פעהיק צו מאַנעווירן, ד. ה., איר טאַקטיק דאַרף ניט זיין קיין דאָגמאַטישע, סעקטאַנטישע. די פּאַרטיי דאַרף זיין אימשטאַנד זיך צו באַנוצן מיט אַלע סטראַטעגישע מאַנעווערן געגן שונא, מאַנעווערן, וועלכע זאָלן איר אבער אין דער זעלבער צייט ניט שטערן צו פאַרבלייבן דאָס, וואָס זי איז. דער הויפּט פעלער פון אונזערע פּאַרטייען איז, וואָס אָפט פאַרשטייען זיי דאָס ניט.

ג) זי דאַרף אין תוך גענומען זיין רעוואָלוציאָנער, מאַרקסיסטיש, געהענדיג אָן אָפּנייגונגען צום ציל, ביי אַלע אומשטענדן מאַכנדיג די גרעסטע אָנשטרענגונג צו דערנענטערן דעם מאָמענט, ווען דער ארבעטער קלאַס וועט באַזיגן די בורזשואַזיע.

ד) זי דאַרף זיין אַ צענטראַליזירטע פּאַרטיי, וועלכע לאָזט ניט צו קיינע פראַקציעס, שטרעמונגען און גרופּירונגען. זאָר אַן איינציגע, ווי אויסגעגאָסן פון איין שטיק.

ה) זי דאַרף פירן אַן איינגעשפּאַרטע און רעגעלמע־

סיגע פראפאגאנדישע און ארגאניזאציאנעלע ארבעט אין די קאפיטאליסטישע ארמייען.

די באלשעוויזירונג פון פארטייען מיינט — אריבערטראגן אין אונזערע סעקציעס דאס אינטערנאציאנאלע און אלגעמיינע וואס איז געווען און איז נאך היינט פאראן אינ׳ם רוסישן באלשעוויזם.

נאר לויט דעם, ווי די הויפט־סעקציעס פון קאמינטערן וועלן אין דער ווירקליכקייט זיך פארוואנדלען אין באלשעוויסטישע פארטייען וועט דער קאמינטערן, ניט בלויז אויפ׳ן ווארט, נאר אין דער ווירקליכקייט, זיך פארוואנדלען אין אן איינציקע אינטערנאציאנאלע באלשעוויסטישע פארטיי, דורכגעדרונגען מיט די אידייען פון לעניניזם.

די אויפגאבן פון די הויפט סעקציעס פון קאמינטערן זיינען פאלגענדע:

1. ענגלאנד

צוליב דער לאגע, וואס עקזיסטירט איצט אין דער וועלט, שפילט ענגלאנד מיט אירע קאלאניעס היינט־צו־טאג די ערשטע ראלע אין אלע אינטערנאציאנאלע פראגן. אין צוזאמענהאנג דערמיט וואקסט אויך אויסערגעוויינליך די וויכטיקייט און באדייטונג פון דער ענגלישער קאמוניסטישער פארטיי. ערציהען די קאמוניסטישע פארטיי פון ענגלאנד אזוי, אז זי זאל זיין אימשטאנד צו ערפילן אירע פליכטן, איז איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאבן פונ׳ם קאמוניסטישן אינטערנאציאנאל. אין איר באציהונג צו דער ארבעטער רעגירונג האט די קאמוניסטישע פארטיי פון ענגלאנד ארויסגעצייגט איינינע אידעאלאגישע און טאקטישע אפנייגונגען. אין דער קומענדער צייט וועט די קאמוניסטישע פארטיי פון ענגלאנד מוזן קאנצענטרירן אירע כוחות אויף די פאלגענדע פונקטן:

א) אונטערשטיצן און העלפן דעם וואוקס פון לינקן פליגל פון דער ארבעטער פארטיי אזוי, אז ער זאל זיך פאר־

וואנדלען אין אן אמת'ן רעוואלוציאנערן פליגל אין דער אר־בעטער פארטיי און זאל פירן צו דער אינטענסיווער ארבעט אין דער באוועגונג פון דער מינדערהייט אין די פראפעסיאָנעלע פאראיינען.

ב) קעמפן געגן דער אזוי גערופענער „ארבעטער־רע־גירונג" פון מאקדאנאלד'ן, קלאר מאכנדיק די מאסן איר בורזשואזן און פיינדליכן כאראקטער.

ג) ביי אלע מעגליכע וואלן און פאר דעם פארשטיי־ענדן וואל־קאמף דורכפירן א קלארע, דייטליכע קאמוניס־טישע ליניע.

ד) פירן דעם עקאנאמישן קאמף אזוי, אז די הויפט כוחות זאלן קאנצענטרירט ווערן אויף צו שאפן די ארגאנען פון פאראייניקטן פראנט פון אונטן (סטרייק קאמיטעטן. פאבריק קאמיטעטן, א. א. וו.) און קלאר מאכן דעם פאלי־טישן זין פון אט דעם עקאנאמישן קאמף.

ה) די קאמוניסטישע פארטיי פון ענגלאנד דארף דורכפירן אן אקטיווע קאמפאניע צו באשאפן אקציאנס־קאמיטעטן אין די שעפער און אין די פראפעסיאנעלע פאר־איינען מיט דעם צוועק אויסצואיבן א דרוק אויף דער אזוי־גערופענער „ארבעטער רעגירונג" און זיך דערשלאגן דאס דורכפירן פון יענעם טייל פונ'ם פראגראם פון דער אזוי גערופענער „ארבעטער רעגירונג", וועלכע זי פירט ניט דורך, נעמליך, — די סאציאליזירונג פון אייזנבאנען און מאינס, פארגרעסערן די הילף פאר ארבעטסלאזע, בויען ארבעטער וואוינונגען, א. א. וו. נאר אויפדעקנדיק דעם פארראט פון דער „ארבעטער־רעגירונג" אויפ'ן געביט פון טאג־טעגליכע נויטן פון ארבעטער־קלאס, און באמיהענדיג זיך אריינצו־ציהען אין אט דעם קאמף די ברייטע מאסן, צעשטערט די קאמוניסטישע פארטיי פון ענגלאנד צווישן די ברייטע מאסן די אילוזיעס אין באצוג צו דער אזוי גערופענער „ארבעטער רעגירונג".

ו) א באזונדערע אויפמערקזאמקייט דארף די קאמו־

ניסטישע פארטיי פון ענגלאנד שענקען אויף צו שאפן פארבינדונגען מיט [illegible] עס, אונטערשטיצנדיק די נאציאנאל־רעוואלוציאנערע באוועגונגען פון די קאלאניאלע לענדער; די פראגע וועגן מיליטאריזם; ענגלאנד'ס באציהונג צו דער סאוועטן־מאכט; דאס אימפעריאליזירן פון פראנקרייך; דעם פראיעקט פון דעם דאוז פלאן.

ז) ווייטער דארף די קאמוניסטישע פארטיי פון ענגלאנד אנפאנגען זייער א טיכטיקע ארבעט מיט'ן צוועק צו קריגן אונטער איר איינפלוס די מאסן ארבעטסלאזע.

ח) די קאמוניסטישע פארטיי דארף ווענדן איר הויפט אויפמערקזאמקייט אף דער אינערלאכער ארגאניזירונג פון דער פארטיי; אויף ארייננצוציען נייע מיטגלידער פון די רייען פון ארבעטער־קלאס; אויף צו באשאפן פאבריק־קעמערלאך; אויף דער קאמוניסטישער ערציהונג פון די פארטיי־מיטגלידער און אויף צו באקענען די פארטיי־מאסן מיט דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־באוועגונג.

2. פראנקרייך

מיט פרייד שטרייכט דער קאנגרעס אונטער די באדייטענדע פארשריט, וואס די פראנצויזישע פארטיי האט געמאכט דערמיט, וואס זי האט ארויסגעטריבן פון אירע רייען די צווייפלהאפטע עלעמענטן און ווערט אן אמת פראלעטארישע פארטיי, אבער צוגלייך ווייזט דער קאנגרעס אן דער ברידערלאכער פארטיי די אומבאדינגטע נויטווענדיקייט דורכצופירן פאלגענדע ארבעטן:

א) צו באשאפן אן אמת'ן אפאראט פון א פארטיי, אן וועלכער די עקזיסטענץ פון א פראלעטארישער פארטיי איז ניט מעגלאך.

ב) ערנסטע ארבעט פון דער פארטיי אין די אינדוסטריעלע צענטרען פון לאנד, חוץ פאריז, — אין די גרויסע אינדוסטריעלע צענטרען, אין וועלכע, ווי עס האבן באוויזן ניט־לאנג צוריק אפגעהאלטענע וואלן, די סאציאליסטן האבן

נאך א באדייטנדיקן איינפלוס. פאריז האט אן צווייפל די שטארקסטע באדייטונג פאר'ן לאנד. נאר ווענן א זיג פון דער פראלעטארישער רעוואלוציע קאן מען גאר ניט באכטן אזוי לאנג, ווי מען קריגט ניט אויף אונזער זייט די אנדערע וויכטיקע אינדוסטריעלע צענטרען.

ג) ערנסטע מאסן־ארבעט צווישן די ברייטע מאסן פון פויערטום.

ד) די פארטיי זאל דורכפירן אף א געהעריקן אופן דעם פאראייניקטן פראנט. די פירער פון די פראנצויזישע סאציאליסטן האבן אפן ניט געוואגט ארייגצוטרעטן אין דער רעגירונג פון הערא, אין דערווירקליכקייט אבער זיינען זיי א טייל פון אט דער רעגירונג. דערפאר האט גע־מוזט געענדערט ווערן אונזער אגיטאציע אין לאנד, פאר־בלייבנדיק פאלשטענדיק אין די טאקטישע ראמען פון פאר־אייניקטן פראנט.

ה) די גרעסטע אויפמערקזאמקייט דארף די פארטיי שיינקען אויף צו באשאפן פארטיי־קערנדלאך אין די פאב־ריקן און שעפער; אן דעם קען ניט זיין קיין קאמוניסטישע מאסן־פארטיי.

ו) זען ארייגצוקריגן וואס מער נייע מיטגלידער פון צווישן די ארבעטער. דער דעפארטמענט סענא דארף זיך שטעלן די אויפגאבע צו האבן אין דער נאענטער צוקונפט ניט ווייניגער ווי 25 טויזנט פארטיי־מיטגלידער. אזא קאמ־פאניע ארייגצוקריגן נייע מיטגלידער דארף פארקומען אי־בער'ן גאנצן לאנד.

ז) די פארטיי דארף אנווענדן אלע כוחות צו שאפן אין לאנד א מאסן־באוועגונג צו גונסטן דער באשאפונג פון פאבריק־קאמיטעטן.

ח) די פארטיי דארף אונטערדריקן די רעשטלאך פון די רעכטע שטימונגען און צוזאמענגיסן די גאנצע פארטיי־ארגאניזאציע אונטער דער פאן פון קאמינטערן, באשאפנדיק אן ארבעטזאמען שטארקערן קערן אין צענטער. עס דארף

נעמען א סוף צו די רייבונגען צווישן די לינקע און דעם געוועזענעם „צענטער". די גאנצע פארטיי דארף ווערן א קאמוניסטיש־לינקע.

ט) ס׳איז נויטווענדיק צו באפעסטיקן אינטערנאציאנאלע פארבינדונגען פון דער פראנצויזישער קאמוניסטישער פארטיי און פריער פאר אלעמען באשאפן א דויערהאפטיק אונטיילבארן פארבאנד מיט דער דייטשער קאמוניסטישער פארטיי.

די „שווערע" פראנצויזישע אינדוסטריע קריגט אלץ א גרעסערע באדייטונג סיי אין די אימפעריאליסטישע, סיי אין די אינערליכע פאליטישע באציהונגען. די קאמוניסטישע פארטיי פון פראנקרייך דארף פירן פריהער פאר אלץ א קאמף געגן דער פארווירקליכונג פון דעם דאזיגן פלאן און טאן דאס אין אן ענגער פארבינדונג מיט דער קאמוניסטישער פארטיי פון דייטשלאנד.

י) ס׳איז נויטווענדיק צו פארשנעלערן דעם אריינטריט אין דער פארטיי פון אלע רייפע קאמוניסטישע עלעמענטן פון דער פאראייניקטער קאנפעדעראציע פון ארבעט, וועלכע זיינען נאך ביז איצט ניט אריין אין דער פארטיי.

כ) די פירער פון דער פאראייניקטער קאנפעדעראציע פון ארבעט דארפן פארנעמען א קלארערע פאזיציע אינ׳ם קאמף געגן אנארכיזם און וואולגארן סינדיקאליזם פון דער אלטער שול. אין אט דעם קאמף קאן ניט זיין קיין פלאץ פאר דער פאלשער טעאריע וועגן „נייטראליטעט" פון דער קאנפעדעראציע אין באצוג צו פונדאמענטאלע פראגן, וואס האבן א שייכות מיט׳ן קאמוניזם.

ל) מ׳טאר ניט פארגעסן אויף א מינוט, אז ניט קוקנדיק אויף אלע ערפאלגן, וואס סאי די פראנצויזישע קאמוניסטישע פארטיי, סאי די קאנפעדעראציע פון ארבעט האבן געהאט, האבן ניט די די פארטיי און ניט די פראפעסיאנעלע פאראייניגען נאך ניט אריבערגעוואונען ווי ס׳איז געהעריג די מאסן; האבן ניט באפעסטיגט זייער איינפלוס

ארגאניזאציאנעל און זיינען אויף אזא אופן ניט געווארן דער אמת'ער אוואנגארד פונ'ם פראנצויזישן פראלעטאריאט.

מ) פאר דעם פראנקרייך פון היינט־צו־טאג איז דער לאזונג „אן ארבעטער און פויערים רעגירונג" זייער א פאסענדער. די אגיטאציע פאר אט דעם לאזונג אינ'ם גייסט ווי עס איז באשטימט געווארן פון 5טן קאנגרעס, דארף ווערן די א ק ס פאר דער גאנצער אגיטאציע פון דער פראנצויזישער קאמוניסטישער פארטיי.

3. דייטשלאנד.

די אויסזיכטן פון דער דייטשער רעוואלוציע פארבליבן אין תוך די זעלבע ווי זיינען אנגעדייטעט געווארן פונ'ם אויספיר־קאמיטעט פון קאמינטערן אין הערבסט פון יאר 1923. עס איז ניט אויסגעשלאסן, אז דער זיג פון דעם דעמאקראטיש־פאציפיסטישן ענגלאנד און פראנקרייך וועט צייטווייליק צוגעבן א געוויסע קראפט דער דייטשער בורזשואזיע און דער דייטשער סאציאל־דעמאקראטיע. די דעמאקראטיש־פאציפיסטישע אילוזיעס וועלן זיך ווי א באל אריבערווארפן פון ענגלאנד און פראנקרייך אויך קיין דייטשלאנד. עס איז ניט אויסגעשלאסן, אז מאקדאנאלד'ס ענגלישע רעגירונג און די פראנצויזישע רעגירונג פון העריא וועלן צייטווייליק אויפהויבן דעם פארלאמענטארישן געוויכט פון דער דייטשער סאציאל־דעמאקראטיע און, מעגליך, זי אפילו דירעקט אריינזעצן אין זאטל. דאס אלעס מאכט שווערער די פאליטישע לאגע פון דייטשלאנד און באשאפט א מעגליכקייט פאר אן אפגעשטאנענער ענטוויקלונג. און דאך בלייבט אין תוך די אינטערנאציאנאלע לאגע פון דער דייטשער בורזשואזיע און דער דייטשער סאציאל־דעמאקראטיע א האפנונגסלאזע, ניט קוקנדיג אויף זייער גרייטקייט דריי מאל צו פארקויפן די אינטערעסן פונ'ם פאטערלאנד, בענטשן דעם דאוז־פלאן, א. א. וו. דער אינערליכער קריזיס, קען זיך פארשארפן זייער שנעל. וועגן דעם זאגן עדות די קלאסן־שלאכטן פון דער לעצטער צייט.

דעם קריזיס אין דער פּאַרטיי מוז מען אויסראָטן. נאָר כּדי צו זיין זיכער, אַז דער איצטיקער קריזיס וועט אָפּגעשאַפט ווערן און עס וועלן ניט ארויפשווימען נייע נעפּאַרן, דאַרף דער איצטיקער צענטראַל קאָמיטעט זיין אימשטאַנד:

א) מיט אַן אייזערנע האַנט געבן אַן ענטשלאָסענעם צוריקשטויס אַלע טענדענצן צו פאַרלאָזן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען; צווינגען יעדן איינעם פון די פּאַרטיי מיטגלידער דורכצופירן — ניט אויס מורא, נאָר געוויסנהאַפט — די טאַקטיק פון קאָמינטערן און פון דעם פראַנקפורטער פּאַרטיי־טאָג אין פראַגן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען; ענטשלאָסן און ענערגיש דורכפירן די רעאָרגאַניזירונג פון דער פּאַרטיי אויפ'ן באַזיס פון פּאַרטייאישע פאַבריק־קערנדלאַך (שאַפּ־נוקליי); דאָס וועט ברייגען דער פּאַרטיי אַ געוואַלדיקן נוצן אויך אין דעם פאַל, ווען זי וועט דאַרפן אָנפירן איר אַרבעט אומלעגאַל.

ב) פירן אַן ענערגישן און אומ'ברחמנות'דיקן קאַמף געגן די טענדענצן, וואָס שטרעבן אונטער דער מאַסקע פון ראַדיקאַליזם אַריינשלעפּן אין דער פּאַרטיי טעאָרעטישן רעוויזיאָניזם און מענשעוויסטישע אָפּנייגונגען.

ג) זיין אימשטאַנד פעסט און ענערגיש דורכצופירן די ליניע פון קאָמינטערן אין דער פראַגע פון פויערטום.

ד) דאָס זעלבע אויך אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

ה) אין דער פּאַרלאַמענטאַרישער אַרבעט זיין אימשטאַנד צו פאַרקערפּערן די קאָמוניסטישע פּרינציפּן, אויסגעהאַלטן, שאַרף און געשעפטסמעסיק.

ו) אָפּגעבן פיל מער אויפמערקזאַמקייט ווי פריהער דער באַוועגונג פון פאַבריק־קאָמיטעטן.

דער אויספיר־קאָמיטעט פון קאָמינטערן ווי אויך די פּאַרטייען פון אַנדערע לענדער, דאַרפן אַרויסווייזן דעם איצטיקן צענטראַל קאָמיטעט פון דער דייטשער פּאַרטיי אַן אומבאַגרענעצטע שטיצע. אין אַזאַ פאַל וועט די פּאַרטיי

זיין מער אימשטאנד בייצוקומען די רעכטע אפנייגונגען, וועלכע האבן אנגעמאן אזא גוואלטיק גרויסן שאדן, און וואס קאנען נאך ניט וואו אויפלעבן.

4. טשעכא-סלאוואקיע

די רעכטע טענדענצן, וועלכע האבן זיך ענטוויקלט אין דייטשלאנד ביז זייער לאגישן ענד און דעריבער ארויסגעוויזן זייער גאנצע באנקראטקייט, זיינען געווען אין זיינען נאך איצט פאראן אויך אין דער טשעכא־סלאוואקישער פארטיי. אויב אט די טענדענצן האבן ניט געפירט צו אזא באנקראט ווי אין דייטשלאנד, איז דאס נאר דערפאר וואס דער טעמפּ פון פאליטישן לעבן אין טשעכא־סלאוואקיע איז געווען א לאנגזאמערער. דער קאמינטערן עקזיסטירט דאך אגב נאר צוליב דעם, אז איין סעקציע זאל זיך לערנען ניט צו ווידערהוילן די פעלערן, וואס א צווייטע סעקציע האט געמאכט. אין דעם פאל דארף דאס טאן די טשעכא־סלאוואקישע פארטיי. ניט קוקנדיג דארויף וואס די טשעכא־סלאוואקישע פארטיי באשטייט מערסטנטיילס פון אמת־פּראלעטארישע עלעמענטן, איז זי פונדעסטוועגן ניט געווען אימשטאנד ביז איצט צו ווערן אן אמת'ע באלשעוויסטישע פארטיי. עס איז דעריבער נויטיק:

א) קודם כל אויסגלייכן די טעארעטישע ליניע פון דער פארטיי;

ב) אנערקענען די פעלערן אין די פארמולירונגען אויפ'ן פראגער פארטיי־צוזאמענפאר און אויף דער לעצטער ברונער קאנפערענץ.

ג) קלאר מאכן פאר דער גאנצער פארטיי, אז ס'איז ניט גענוג נאר ארומצוכאפן די מאסן, נאר ס'איז נויטווענדיק צו פירן זיי אויף רעוואלוציאנערע ארויסטרעטונגען פאר באלדיקע פארדערונגען און צוגרייטן זיי אידעאלאגיש און ארגאניזאציאנעל צו פירן דעם ענדגילטיקן קאמף.

ד) אין באצוג צום פאראייניקטן פראנט דארף מען קעמפן געגן אפנייגונגען אויף רעכטס, זיך פאלשטענדיק

שטעלן אויפ'ן גרונד פון די באשליסן פון 5טן קאנגרעס און זיי ענטשלאסן דורכפירן:

ה) אנטוויקלען א גרויסע אקטיוויטעט אין דער ארבעט צווישן פויערטום.

ו) ארייננפירן אן ענטשידענעם לענינישן גייסט סיי אין דעם נאציאנאלן פראגראם, סיי די נויטיקע אינטעסיוויטעט אין דער נאציאנאלער פאליטיק;

ז) זען, אז די פארטיי זאל ווערן פארלאמענטאריש טעטיק אינ'ם גייסט פון רעוואלוציאנערן פארלאמענטאריזם.

ח) אויפלעבן די טעטיקייט פון צענטראל קאמיטעט, מאכן די פירערשאפט פאר א מער שטענדיגערע, אנגעשטרענגטערע און ענערגישערע.

ט) אריינגיסן אין צענטראל קאמיטעט כוחות פון די רייען פון די מער אויסגעצייכנטע ארבעטער.

י) חבר'יש און אן פארזואורפן ערפילן די גערעכטע פאדערונגען, וועלכע האבן זיך ארויסגעוויזן אויפ'ן 5טן קאנגרעס פון דער מינדערהייט און הויפטזעכליך דעם פארבאנד פון דער יוגנט.

רעזאלוציעס פון 5טן קאנגרעס פון קאמינטערן

א רעזאלוציע צו דער פראגע איבערצובויען די פארטיי אויפ'ן פונדאמענט פון פראדוקציאנס קערנדלאך

(אנגענומען אייגשטימיק פון דער ארגאניזאציאנס-קאמיטע פון 5טן קאנגרעס פון קאמינטערן)

1. דער פונדאמענטאלער אונטערשיד אין דער ראל און טעטיקייט פון דער קאמוניסטישער און דער סאציאל-דעמאקראטישער פארטיי איז אויסגעדריקט אינ'ם אונטערשיד פון ארגאניזאציאנס פארמען, וואס איז נוגע אט די פארטייען. די סאציאל-דעמאקראטישע פארטיי, וועלכע שטיצט זיך פולשטענדיק אויף רעפארמיסטישער טעטיקייט אין די ראמען פון בורזשואזער דעמאקראטיע און איז הויפטזעכליך פאראינטערעסירט אין די פארשריטע פון פארלאמענטארישע וואל-קאמפאניעס, איז געבויט אויף וואל-

דיסטריקטן און אָרגאַניזאַציעס לויט דעם וואוינונגס אָרט פון די מיטגלידער און ליגט אין פונדאַמענט פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע די שטאַטישע טעריטאָריעלע גרופּע. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אָבער, וועלכע שטייט אינ׳ם שפּיץ פונ׳ם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די ברייטסטע מאַסן אַרבעטער, פאַר׳ן אַרונטערוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם און פאַרכאַפּן די מאַכט, דאַרף האָבן אַן אַנדער אָרגאַניזאַציאָנס־געבוי, ווייל די גאַנצע שטיצע אירע געפינט זי אין אונטערנעמונגען. **דער אָנפאַנג פון דער אָרגאַניזאַציע אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי דאַרף זיין אין די אַרבעטער מאַסן גופא, אין אויף דער אונטערנעמונג גופא, און אין דער פּראָדוקציע.** דער געבוי פון די פּאַרטייען אויף די פּראָדוקציאָנס קערענדלאַך גיט איר טאַקע אַן מעגלאַכקייט איינשטעלן אַ שטענדיקן און איינגען קאָנטאַקט מיט די מאַסן, געבענדיק דער פּאַרטיי אַ מעגליכקייט צו זיין שטענדיק אומאונטערבראָכן אין קורס פון די נויטן און שטימונגען פון דער פּראָלעטאַרישער מאַסע און זיך אָפּרופן אויף די פראַגן און שטימונגען. אויף אַזאַ אופן קען די פּאַרטיי באַפעסטיקן איר איינפלוס און ווירקלאַך לייטן און אָרגאַניזירן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן די אונטערנעמער, קעגן פאַשיזם, קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער רעגירונג — אָרגאַניזירן דעם קאַמף פאַר מאַכט. אַזאַ אָרגאַניזאַציאָנס פאָרמע גאַראַנטירט אויפ׳ן בעסטן אופן דעם סאָציאַלן צוזאַמענשטעל פון דער פּאַרטיי און היט אָפּ איר פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער. זי מאַכט מעגליך צו פאַרווירקלאַכן אַן ערפאָלגרייכן קאַמף פאַר איינשטעלן קאָנטראָל אין דער פּראָדוקציע, וועלכע איז פון באַזונדערער וויכטיקייט פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און נאָכדעם ווי די מאַכט איז עראָבערט, גיט זי די מעגלאַכקייט צו פאַרכאַפּן דעם פּראָדוקציאָנס פּראָצעס אין דער געגעבענער אונטערנעמונג. „יעדע פאַבריק דאַרף ווערן אַ פעסטונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי” — איז געוועזן לענינ׳ס לאָזונג.

2. דער צווייטער און פערטער קאנגרעסן פון קאמינטערן האבן מיט א נעגויקייט באשטימט די נויטווענדיקייט צו ארגאניזירן די פארטייען אויף דעם גרונט פון פראדוקציאנס קערענדלאך, און דער פערטער קאנגרעס האט קאנסטאנטירט אז „קיין איין פארטיי קען ניט באטראכט ווערן אלס אן ערנסט און פעסט ארגאניזירטע קאמוניסטישע פארטיי, אויף ווי ווייט זי האט ניט קיין פעסטע קאמוניסטישע קערנדלאך אין די פאבריקן, שאכטן, אייזנבאנען, און אזוי ווייטער.” די גאנצע ווייטערדיקע ערפארונג אין קאמף, אנפאנגענדיק פון פערטן קאנגרעס, האט אינגאנצן באשטעטיקט אט די באהויפטונג און האט באוויזן, אז די דורכפירונג פון דער רעזאלוציע פון פערטן קאגרעס איז פאר די קאמוניסטישע פארטייען א לעבנס נויטווענדיקייט.

די געשעענישן אין דייטשלאנד האבן באזונדערס באוויזן, אז בויען די פארטיי אויפ'ן גרונט פון פאבריק און שאפ קערענדלאך (נוקליי) איז איינע פון די ערשטע באדינגונגען פאר א זיגרייכן קאמף פאר מאכט.

איצט איז נויטווענדיק דורך גרינדלאכער, ענערגישער און פלאנמעסיקער ארבעט זיך דערשלאגן דורכצופירן אין לעבן דעם באשלוס פונ'ם אויספיר קאמיטעט פון קאמינטערן, וועלכער איז דורך אים אנגענומען געווארן אין יאנואר 1924 איבער דער פראגע וועגן ערפילן די באשלוסן פון דריטן און פערטן קאנגרעסן. די דאזיקע באשלוסן באשטעטיקט איצט דער פינפטער קאנגרעס. אין דורכדעם אליין אנערקענט ער איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאבן פון די קאמוניסטישע פארטייען אין דער נאענטער צוקונפט איבערצובויען זיי אויפ'ן גרונט פון פראדוקציאנס-קערענדלאך (שאפ-נוקליי).

3. דערביי געפינט דער קאנגרעס פאר נויטיק צו ציען די אויפמערקזאמקייט אויף איניקע פראגן, וועלכע זיינען זינט מאנאט יאנואר ארויין אין דער פראקטיק פון אונזערע

פּאַרטייען און פאָדערן אַ ריכטיקע אָפּשאַצונג.

עס דאַרף ניט בלייבן קיין מינדסטע אומקלאָרקייט אין באַצוג צו די רעזאָלוציעס פון 3טן און 4טן קאָנגרעסן, אַזוי אויך ווי וועגן די רעזאָלוציעס פון יאַנואַר, וועלכע ריידן ניט וועגן וועלכע ניט איז אויבערפלעכלאַכע ענדערונגען אין דער פּאַרטיי סטרוקטור, נאָר פאָדערן אַ ווירקלאַך גרינדלאַכע אי־בערבויאונג זייערע לויט דעם מוסטער פון דער באָלשעוויסטי־שער פּאַרטיי. אָט די איבערבויאונג דאַרף געמאַכט ווערן פּלאַנמעסיק און פאָרזיכטיק, כדי די פּאַרטייען זאָלן ניט פאַר־לירן זייערע כחות, אָבער צו גלייכער צייט דאַרף די איבערבוי־אונג פאָרקומען ענערגיש, און די פריערדיקע פּאַרטיי־סטרוק־טור (די אָרגאַניזאַציעס לויט די טעריטאָריעלע סמנים, דער וועג צו קלייבן פּאַרטיי אָפּצאָלונגען (דיוס), דער צוזאַמענ־שטעל פון קאָמיטעטן, א. א. וו.) דאַרף אין תוך געענדערט ווערן לויט דעם איבערגאַנג פון דער פּאַרטיי אויפ׳ן גרונט פון פּראָדוקציאָנס קערענדלאַך.

אין אונזער גאַנצער פריערדיקער פּראַקטישער אַרבעט איז אָפּטמאָל אויסגעקומען צו קאָנסטאַטירן דעם פאַקט, אַז דער דאָזיקער געדאַנק איז ניט באַגריפן געוואָרן ווי עס גע־הער צו זיין. אין פילע פאַלן האָט מען געקוקט אויף דעם פּאַרטיי־קערנדל ניט אַלס אויף אַ באַזיס פון דער גאַנצער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, אויף וועלכער עס דאַרף געבויט ווערן די גאַנצע פּאַרטיי, נאָר ווי אויף עפּעס אַ זייטיקע אָרגאַני־זאַציע, ווי אויף אַ צווייג פון דער פּאַרטיי.

און דעריבער אין אַנשטאָט צו בויען פּאַרטיי־קערנדלאַך אין די פאַבריקן און אין די שעפּער, האָט מען אָפּטמאָל גע־שאַפן גאָר קאָמוניסטישע פראַקציעס מיט באַגרעניצטע אויפ־גאַבן, — אַ זאַך, וואָס טאָר פאַר קיין פאַל ניט פּראַקטיצירט ווערן. אין אייניקע פאַלן האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ טענדענץ (נייגונג) אַרויפצולייגן אויף די קאָמוניסטישע קערנדלאַך אויסשליסליך טרייד־יוניאָניסטישע אַרבעטן.

עס מוז קלאָר און דייטליך ערקלערט ווערן, אַז די קאָמוניסטישע קערנדלאַך דאַרפן שפּילן די ראָל פון דעם

פונדאמענט פון דער פארטיי־ארגאניזאציע, און אויף אזא אופן מוז אין דער פראקטיק נעבויט ווערן דאס פארטיי־לעבן. די קאמוניסטישע קערנדלאך דארפן האבן אלע רעכט פון א פארטיי־ארגאניזאציע. דער קאמוניסטישער קערנדל באטראכט און פאסט באשלוסן וועגן אלע פארטיי־פראגן, און דאס דארף זיך אויך מערקן אין דער **ארגאניזאציאנעלער טעטיקייט** פון די קאמוניסטישע קערנדלאך. זיי דארפן רעקרוטירן און ארייננעמען מיטגלידער אין דער פארטיי; זיי דארפן זאמלען פון זייערע מיטגלידער די פארטיי־ביישטייערונגען (דיוס) און זיי דארפן האבן דאס רעכט אראפצונעמען פאר זייערע נויטן א געוויסן פראצענט פון אט די ביישטייערונגען. דער קאמוניסטישער קערנדל טיילט ניט נאר פאנאנדער די ארבעט צווישן זיינע מיטגלידער, נאר פארפליכטעט אויך יעדן איינעם פון זיינע מיטגלידער דורכצופירן די געגעבענע ארבעט. עס פארשטייט זיך, אז די טעטיקייט פון די קאמוניסטישע קערנדלאך דארף ארומכאפן אלע געביטן פון דער פארטיי־טעטיקייט.

4. אין אנקלאנג מיט די באשלוסן וועגן איבערבויען די פארטיי אויף דעם באזיס פון אינדוסטריעלע קערנדלאך אין די פאבריקן און שעפער און אלס איינער פון די וויכטיקסטע פונקטן אין דעם דאזיקן איבערבוי, דארף דער **איצטיקער צוזאמענשטעל** פון דער פארטיי **געענדערט** און **פארבעסערט** ווערן אזוי, אז דער אינדוסטריעלער פראלעטאריאט זאל לויט זיין צאל נאך זיין דער גרעסטער טייל פון דער פארטיי, און אז די אינדוסטריעלע קערנדלאך פון דער פארטיי אין די פאבריקן, שעפער, גיטער און מינען זאל ארייננעמען אין זיך דעם גרעסטן טייל פון דער מיטגלידערשאפט. ווען אט דער ציל וועט דערגרייכט ווערן און עס וועלן שוין זיין פילע שטארקע קאמוניסטישע קערנדלאך, וועלן די טעריטאריעלע ארגאניזאציעס ווערן אן איבריקע זאך. דעמאלט וועלן פארטיי־מיט־

גלידער, וואס ארבעטן ניט אין גרויסע אונטערנעמונגען, ווי פאבריקן, שעפער, א. א. וו., אריינגיין אין די אינדוסטריעלע קאמוניסטישע קערנדלאך. אלס אן איבערגאנגס־מיטל, ד. ה. ביז די פארטיי וועט דערגרייכן אט די שטופע (און דאס וועט אין פארשידענע לענדער און אין פארשידענע געגנדן פארקומען אין א לייגגערער אדער קירצערער צייט). ביז יענער צייט וועלן אויך האבן א געוויסע באדייטונג די גאסן־קערדלאך (דאס הייסט, פארטיי־קערנדלאך, וואס ווערן צוזאמענגעשטעלט פון מיטגלידער וועלכע וואוינען אין א געוויסער גאס אדער געגנט). אט די טעריטאריעלע קערנדלאך וועלן געבן א מעגליכקייט, אין דער צייט פון דעם איבערגאנגס־פעריאד, צו פאראייניקן פארטיי־מיטגלידער, וואס זיינען ניט באשעפטיקט אין גרויסע אונטערנעמונגען, און צוציען זיי צו דער פארטיי־ארבעט. אזוי ווי, אבער, די באדייטונג פון אט די טעריטאריעלע קערנדלאך איז פאלש אויסגעטייטשט געווארן, אדער מען האט וועגן איר געהאט א פאלשן באגריף, געפינט דער פינפטער קאנגרעס פאר נויטיק צו ערקלערן, אז אפילו דארט, וואו אזעלכע טעריטאריעלע קערנדלאך ווערן געגרינדעט, טארן זיי ניט שטערן די ארבעט פון די אינדוסטריעלע קערנדלאך און קענען בשום אופן ניט באטראכט ווערן, לויט זייער ראל און לויט זייער באדייטונג, אלס גלייכע מיט די אינדוסטריעלע קערנדלאך. עס קען אפילו קיין רייד ניט זיין וועגן דעם, אז די טעריטאריעלע קערנדלאך זאלן באטראכט ווערן פונקט ווי די אינדוסטריעלע קערנדלאך פאר דעם באזיס פון דער פארטיי־ארגאניזאציע. די טעריטאריעלע קערנדלאך דינען אלס די געהילפס־ארגאניזאציעס. דאס שווער־געוויכט ליגט אין די פאבריקן און אין די אינדוסטריעלע קערנדלאך.

5. אין דער פראקטישער איבערבויאונג מוז די פארטיי צו־ערשט שענקען איר אויפמערקזאמקייט אויף די אינדוסטריעלע געגנדן, און אין אזעלכע געגנדן פון די גרעסטע צענטערן און די שטארקסטע ארגאניזאציעס. פונקט אזוי דארפן די לאקאלע ארגאניזאציעס אנפאנגען די רעארגאני־

זאציע פון די וויכטיקסטע אינדוסטריעלע פונקטן. עס פארשטייט זיך, אז דאס טאר ניט מיינען, אז די אנדערע פארטיי־ארגאניזאציעס דארפן דערווייל ליגן מיט פארלייגטע הענט, נאר צוטרעטן צו דער פראקטישער דורכפירונג פון דער רעארגאניזאציע. די רעארגאניזאציע דארף פלאנמעסיק דורכגעפירט ווערן פון די נידעריגערע ביז די העכסטע ארגאנען פון דער פארטיי.

6. בנוגע דער פראגע פון אינדוסטריעלע קערנדלאך פון דעם קאמוניסטישן יוגנט־אינטערנאציאנאל ערקלערט דער קאנגרעס, אז די פארטיי דארף, פארשטייט זיך, שטרעבן דערצו, אז וואס א גרעסערע צאל מיטגלידער פון די קערנדלאך פון דער קאמוניסטישער יוגנט זאלן אין איינער און דער זעלבער פאבריק אויך גלייכצייטיק זיין מיטגלידער פון דעם פארטיי־קערנדל, און אז די דאזיקע ביידע קערנדלאך זאלן האבן צווישן זיך איינגע פארבינדונגען אין דער ארבעט און אויך פארטרעטער פון איין קערנדל אין דעם צווייטן. עס איז אין דער זעלבער צייט אויך נויטווענדיק, אז חוץ די פארטיי־קערנדלאך זאלן אין די פאבריקן אויך עקזיסטירן באזונדערע אינדוסטריעלע קערנדלאך פון דער קאמוניסטישער יוגנט. אט די קערנדלאך פון דער קאמוניסטישער יוגנט דארף זיין דער באזיס פון דער גאנצער קאמוניסטישער יוגנט־ארגאניזאציע, וואס האט פאראלעל צו דער פארטיי־ארגאניזאציע איר איינענע ארגאניזאציע.

7. דער פינפטער אלוועלטליכער קאנגרעס פאדערט אויף דעם אויספירס־קאמיטעט פון דעם קאמינטערן, ער זאל זען ענטשידן דורכצופירן אט די רעארגאניזאציע אין לעבן און זאל אויסארבעטן אינסטרוקציעס צו אלע סעקציעס פון דעם קאמינטערן, ווי אזוי די לאקאלע און צענטראלע ארגאנען פון דער באטרעפנדער פארטיי זאלן רעארגאניזירט ווערן.

די קאנסטיטוציע פון קאמוניסטישן אינטערנאציאנאל

די הויפט כללים

1. די פאראייניגונג פון די קאמוניסטישע פארטייען פון פארשידענע לענדער אין איין פראלעטארישער פארטיי איז די אינטערנאציאנאלע חבר'שאפט פון די ארבעטער. און אזוי ווי אט די אינטערנאציאנאלע פארטיי איז דער פירער און ארגאניזאטאר פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג פון דעם אלוועלטלאכן פראלעטאריאט, זוכט זי צו געווינען די מערהייט פון דעם ארבעטער קלאס און די ברייטע שיכטן פון דעם ארימען פויערטום אויף דער זייט פון די פרינציפן און צילן פון דעם קאמוניזם; זוכט זי איינצופירן די דיקטאטור פונ'ם פראלעטאריאט; זוכט זי צו שאפן אן אלוועלטלאכן פארבאנד פון סאציאליסטישע סאוועטן רעפובליקן; שטרעבט זי צו דער פאלשטענדיקער פארניכטונג פון קלאסן און דער פארווירקלאכונג פון סאציאליזם — צו אט דער ערשטער שטופע פון א קאמוניסטישער געזעלשאפט.

2. דער נייער אינטערנאציאנאלער חבר'שער פארבאנד פון ארבעטער טראגט דעם נאמען קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל.

3. די אלע פארטייען, וואס שטעלן צוזאמען דעם קאמוניסטישן אינטערנאציאנאל, טראגן דעם נאמען: די קאמוניסטישע פארטיי פון דעם און דעם לאנד (די סעקציע פון דעם קאמוניסטישן אינטערנאציאנאל).

אין יעדן לאנד קען זיין נאר איין קאמוניסטישע פארטיי, וועלכע איז א מיטגליד פון קאמינטערן.

4. א מיטגליד פון א קאמוניסטישער פארטיי און א מיטגליד פון קאמינטערן קען זיין יעדער איינער, וואס אנער-

קענט די פּראָגראַם און קאָנסטיטוציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון דעם באַטרעפענדן לאַנד און פון דעם קאָמינטערן. יעדער איינער וואָס באַטייליקט זיך אין איר אַקטיוו אַלס אַ מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס וואַרפט זיך אונטער אַלע באַשלוסן פון דער פּאַרטיי און פון דעם קאָמינטערן און צאָלט רעגולער זיינע פּאַרטיי אָפּצאָלונגען (דיוס).

5. דער פונדאַמענטאַלער אָרגאַניזאַציאָנעלער טייל פון דער פּאַרטיי איז דאָס קערענדל (ניוקליים) אין אַן אונטערנעמונג (זאַוואָד, פאַבריק, מאַין, קאָנטאָר, געשעפט, פאַרם, א. א. וו.), אין וועלכער עס באַטייליקן זיך אַלע מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס זיינען באַשעפטיקט אין דער דאָזיקער אונטערנעמונג.

6) דער קאָמינטערן און די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון וועלכע ער איז צוזאַמענגעשטעלט, זיינען געבויט אויף דעם גרונט פון דעמאָקראַטישער צענטראַליזאַציע, די הויפּט פּרינציפּן פון דעמאָקראַטישער צענטראַליזאַציע זיינען: 1) די ערוויילונג סיי פון די נידעריקערע, סיי פון די העכערע פּאַרטיי אָרגאַנען אויף אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן פון פּאַרטיי מיטגלידער; ב) פעריאָדישע באַריכטן, וואָס ווערן אָפּגעגעבן פון די פּאַרטיי־אָפּטיילונגען צו זייערע ווייַלער; ג) די פאַרפליכטונג פון די נידריקערע פּאַרטיי טיילן דורכצופירן די באַשלוסן פון די העכערע פּאַרטיי טיילן, אַ שטרייַנגע פּאַרטיי דיסציפּלין און אַ שנעלע און גענויע דורכפירונג פון אַלע באַשלוסן פון דעם צענטראַלן קאָמיטעט און פון די אָנפירענדע פּאַרטיי צענטרן.

פּאַרטיי פראַגן קאָנען דיסקוטירט ווערן פון די מיטגלידער און פון די פּאַרטיי אָפּטיילונגען, נאָר אַזוי לאַנג ווי עס איז נאָך ניטאָ קיין באַשלוס פון דעם באַטרעפענדן אָרגאַן. נאָכדעם ווי אַזעלכע פראַגן ווערן באַשלאָסן אויף דעם קאָנגרעס פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אויף די צוזאַמענפאָרן פון די נאַציאָנאַלע סעקציעס און פון די אָנפירענדע פּאַרטיי אָרגאַניזאַציעס, מוזן די דאָזיקע באַשלוסן אומבאַדינגט דורכגעפירט ווערן אין לעבן, ווען אפילו ס'איז קלאָר, אַז אַ טייל מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, אָדער לאָקאַלע אָר־

גאַניזאַציעס פון דער פּאַרטיי שטימען ניט איין מיט די דאַ־
זיקע באַשלוסן.

ווען אַ פּאַרטיי איז געצוואונגען אַנצוהאַלטן אַן אומ־
לעגאַלע עקזיסטענץ, איז ערלויבט די העכערע פּאַרטיי אָר־
גאַנען צו באַשטימען (אַפּוינטן) נידריקערע פּאַרטיי אָרגאַ־
נען און צו קאָאָפּטירן מיטגלידער מיט דער צושטימונג פון
די העכערע פּאַרטיי אָרגאַנען.

2. אַלוועלטלאַכער קאָנגרעס פון קאָמינטערן

7. דער העכסטער אָרגאַן פון קאָמינטערן איז דער אַל־
וועלטלאַכער קאָנגרעס פון אַלע פּאַרטייען (סעקציעס) און
אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטעלן אים צוזאַמען.

דער אַלוועלטלאַכער קאָנגרעס באַטראַכט און פּאַסט באַ־
שלוסן וועגן פראַגן פון פּראָגראַם טאַקטיק און אָרגאַניזאַציע,
וואָס האָבן אַ שייכות סיי מיט דעם קאָמינטערן אַלס אַ גאַנצן,
סיי מיט זיינע באַזונדערע סעקציעס. בלויז אַן אַלוועלטלאַ־
כער קאָנגרעס האָט דאָס רעכט צו ענדערן די פּראָגראַם און
קאָנסטיטוציע פון קאָמינטערן.

דער אַלוועלטלאַכער קאָנגרעס ווערט אָפּגעהאַלטן ניט
זעלטענער ווי איינמאָל אין צוויי יאָר. די צייט ווען דער
קאָנגרעס זאָל אָפּגעהאַלטן ווערן ווערט באַשטימט פון דעם
אויספיר קאָמיטעט פון קאָמינטערן. דער זעלבער קאָמיטעט
באַשטימט אויך די צאָל דעלעגאַטן, דורך וועלכע יעדע סעק־
ציע דאַרף זיין פאַרטראַטן.

די צאָל שטימען פאַר יעדער סעקציע אויף דעם אַלוועלט־
לאַכן קאָנגרעס ווערט באַשטימט דורך ספּעציעלע כּללים
פונ׳ם קאָנגרעס לויט דער צאָל מיטגלידער פון דער באַטרע־
פענדער פּאַרטיי און לויט דער פּאָליטישער באַדייטונג פון
דעם באַטרעפענדן לאַנד.

אימפּעראַטיווע מאַנדאַטן (באַפוילן דעלעגאַטן אומבאַ־
דינגט צו שטימען אויף אַ געוויסן אופן) ווערט ניט ערלויבט
און אַזעלכע מאַנדאַטן ווערן פאַרויס אַנולירט (גע׳פּסל׳ט).

8. א ספּעציעלער אַלוועלטלאַכער קאָנגרעס פון קאָ־מינטערן קאָן צוזאַמענגערופן ווערן אויף דער פאָדערונג פון עטלאַכע פּאַרטייען, וועלכע האָבן צוזאַמען, אויף אַ פריערדיקן קאָנגרעס פון קאָמינטערן געהאַט ניט מער ווי אַ העלפט שטימען.

9. דער אַלוועלטלאַכער קאָנגרעס ערוויילט דעם פאָר־זיצער פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, דעם עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון קאָמינטערן און אַן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנטראָל קאָמיטעט.

10. דער אַלוועלטלאַכער קאָנגרעס באַשטימט יעדן מאָל וואו עס זאָל זיך געפינען דער עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון קאָמינטערן.

3. דער עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון קאָמינ־טערן און זיין אַפּאַראַט

11. דער עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון קאָמינטערן איז די אָנפירענדע קערפּערשאַפט פון דעם קאָמינטערן אין דעם משך צווישן אַלוועלטלאַכע קאָנגרעסן, גיט אינסטרוקציעס צו אַלע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטעלן צוזאַמען דעם קאָמינטערן און קאָנטראָלירט זייער טעטיקייט.

דער עקזעקוטיוו קאָמיטעט פונ'ם קאָמינטערן גיט אַרויס אַ צענטראַלן אָרגאַן פונ'ם קאָמינטערן ניט ווייניקער ווי אין פיר שפּראַכן.

12. די באַשלוסן פונ'ם עקזעקוטיוו קאָמיטעט פונ'ם קאָמינטערן זיינען בינדענד פאַר אַלע זיינע סעקציעס און דאַרפן גלייך דורכגעפירט ווערן אין לעבן. די סעקציעס האָבן דאָס רעכט צו מאַכן אויסזעצונגען קעגן די באַשלוסן אויף דעם קאָנגרעס פונ'ם קאָמינטערן קעגן די באַשלוסן פונ'ם עקזעקוטיוו קאָמיטעט פונ'ם קאָמינטערן; נאָר אַזוי לאַנג ווי די דאָזיקע באַשלוסן ווערן ניט צוריקגעוויזן פונ'ם קאָמינטערן זיינען די סעקציעס פאַרפליכטעט זיי דורכצו־פירן אין לעבן.

13. די צענטראלע קאָמיטעטן פון די סעקציעס, וואָס שטעלן צוזאמען דעם קאָמינטערן זיינען פאראנטוואָרטלאך פאר זייערע צוזאמענפאָרן און פאר דעם עקזעקוטיוו קאָמיטעט פונ'ם קאָמינטערן. דער לעצטער האָט דאָס רעכט צוריק צו וויזן און צו ענדערן די באשלוסן סיי פון די צענטראלע קאָמיטעטן, סיי פון די פארטיי צוזאמענפאָרן און קאָן פאסן באשלוסן, וועלכע די צענטראלע קערפערשאפטן זיינען פארפליכטעט דורכצופירן.

14. דער עקזעקוטיוו קאָמיטעט פונ'ם קאָמינטערן האָט דאָס רעכט אויסצושליסן פון קאָמינטערן אזעלכע פארטייען, גרופּע און באזונדערע מיטגלידער, וואָס קומען ניט נאָך די פּראָגראם און די קאָנסטיטוציע פונ'ם קאָמינטערן, אָדער די באשלוסן פון אלוועלטלאכע קאָנגרעסן און פון דעם עקזעקוטיוו קאָמיטעט פונ'ם קאָמינטערן. אזעלכע פארטייען, גרופּען אָדער איינצעלנע מיטגלידער האָבן דאָס רעכט צו אפּעלירן צום אלוועלטלאכן קאָנגרעס און צו דער פארברייטערטער זיצונג פונ'ם עקזעקוטיוו קאָמיטעט פונ'ם קאָמינטערן.

15. די פּראָגראם פון יעדער סעקציע פונ'ם קאָמינטערן דארף קריגן די צושטימונג פונ'ם עקזעקוטיוו קאָמיטעט פונ'ם קאָמינטערן. אין פאל די פּראָגראם ווערט צוריקגעוויזן, האָט די באטרעפענדע פארטיי דאָס רעכט צו אפּעלירן צום אלוועלטלאכן קאָנגרעס.

16. ס'איז ווינשענסווערט, אז אלע באשלוסן און אפּיציעלע דאָקומענטן פונ'ם עקזעקוטיוו קאָמיטעט פונ'ם קאָמינטערן זאָלן איבערגעדרוקט ווערן פון אלע פארטיי אָרגאנען פון די סעקציעס, וואָס שטעלן צוזאמען דעם קאָמינטערן. אָבער די אָנפירענדע אָרגאנען פון די סעקציעס מוזן אומבאדינגט פארעפנטלאכן די באשלוסן און אפּיציעלע דאָקומענטן פונ'ם עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון דעם קאָמינטערן.

17. דער עקזעקוטיוו קאָמיטעט פונ'ם קאָמינטערן האָט דאָס רעכט אריינצונעמען אין קאָמינטערן מיט באראטונגס רעכט (אָן שטימרעכט) אזעלכע אָרגאניזא־

ציעס און פארטייען, וואס סימפאטיזירן מיט'ן קאמוניזם און זוכן צו שטיין אין נאענטע פארבינדונגען מיט דעם עקזעקוטיוו קאמיטעט פונ'ם קאמינטערן.

18. דער עקזעקוטיוו קאמיטעט פון קאמינטערן קלייבט אויס פון זיינע מיטגלידער א פרעזידיום, וועלכער האנדלט אלס אקציאנס קאמיטעט און וועלכער פירט אן די גאנצע ארבעט פון עקזעקוטיוו קאמיטעט צווישן די זיצונגען פון דעם לעצטן. דער פרעזידיום איז אונטערווארפן דעם עקזעקוטיוו קאמיטעט פון קאמינטערן. דער פארזיצער פון קאמינטערן איז אויך דער פארזיצער פונ'ם עקזעקוטיוו קאמיטעט פון קאמינטערן און פון דעם פרעזידיום.

19. דער עקזעקוטיוו קאמיטעט פון קאמינטערן קלייבט אויס אן ארגאניזאציאנס־ביורא, וואס באטראכט און באשליסט אלע ארגאניזאציאנעלע און פינאנציעלע פראגן פון דעם עקזעקוטיוו קאמיטעט פונ'ם קאמינטערן, מ'קאן אפעלירן צום פרעזידיום קעגן די באשלוסן פון דער ארגאניזאציאנס ביורא, נאר ביז וואנען דער פרעזידיום שאפט ניט אפ אדער ענדערט ניט אזעלכע באשלוסן, זיינען די לעצטע בינדענד. דער צוזאמענשטעל פון דער ארגאניזאציאנס־ביורא ווערט באשטימט פונ'ם עקזעקוטיוו קאמיטעט פונ'ם קאמינטערן.

20. דער עקזעקוטיוו קאמיטעט פונ'ם קאמינטערן קלייבט אויס א סעקרעטאריאט (וועלכער איז דער אויספירס־ארגאן פון דעם עקזעקוטיוו קאמיטעט פון קאמינטערן), א פרעזידיום און אן ארגאניזאציאנס ביורא. די מיטגלידער פון דעם סעקרעטאריאט גייען אריין אין דער ארגאניזאציאנס ביורא.

21. דער עקזעקוטיוו קאמיטעט פון קאמינטערן קלייבט אויס א רעדאקציע פאר דעם מאנאטלאכן זשורנאל פון קאמינטערן און אויך די רעדאקציע פאר די אנדערע פובליקאציעס פון קאמינטערן.

22. דער עקזעקוטיוו קאמיטעט פון קאמינטערן קלייבט

אויס אַן אינטערנאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט פאַר דער קאָ־מוניסטישער פּרויען באַוועגונג און צוזאַמען מיט׳ן לעצטן פאַסט ער באַשלוסן וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער פרויען באַוועגונג.

23. דער עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון קאָמינטערן שאַפט אַן אָפּטיילונג פון סטאַטיסטישער אינפאָרמאַציע, פון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, פון אָרגאַניזאַציע און אַ מזרח אָפּטיילונג. דער עקזעקוטיוו קאָמיטעט פונ׳ם קאָ־מינטערן האָט דאָס רעכט ווען ס׳איז נויטיק צו שאַפן אויך אַנדערע אָפּטיילונגען און בכלל צוזאַמענצושטעלן דעם אַפּאַ־ראַט אויף דעם בעסטן און נוצלאַכסטן שטייגער.

24. דער עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון קאָמינטערן און זיין פּרעזידיום האָבן דאָס רעכט צו שיקן זייערע פאַר־טרעטער צו באַזונדערע סעקציעס פון קאָמינטערן. אַזעלכע פאַרטרעטער קריגן זייערע אינסטרוקציעס פון דעם עקזע־קוטיוו קאָמיטעט פון דעם קאָמינטערן אָדער פון דעם פּרע־זידיום, און זיינען פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר זייערע האַנדלונ־גען צו די זעלבע. די פאַרטרעטער פון דעם עקזעקוטיוו קאָ־מיטעט פונ׳ם קאָמינטערן דאַרפן צוגעלאָזן ווערן אויף אַלע זיצונגען און פאַרזאַמלונגען, סיי פון די צענטראַלע קערפּער־שאַפטן, סיי פון די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס פון יענער סעק־ציע, צו וועלכער זיי ווערן געשיקט. די פאַרטרעטער פון דעם עקזעקוטיוו קאָמיטעט פונ׳ם קאָמינטערן פירן דורך זייערע אויפגאַבן אין דער ענגסטער פאַרבינדונג מיט דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער באַטרעפנדער סעקציע, אָבער אין דער זעלבער צייט קענען זייערע אַרויסטרעטונגען אויף די צוזאַמענפאָרן, קאָנפערענצן און באַראַטונגען, וואָס ווערן צוזאַמענגערופן פונ׳ם צענטראַלן קאָמיטעט פון דעם באַ־טרעפנדן לאַנד, ניט זיין אין איינקלאַנג מיט די מיינונגען פון דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דעם באַטרעפנדן לאַנד, אויף וויפיל זיי דאַרפן קאָנזעקווענט דורכפירן די דערעק־טיוון פונ׳ם עקזעקוטיוו קאָמיטעט פונ׳ם קאָמינטערן. די פאַרטרעטער פונ׳ם עקזעקוטיוו קאָמיטעט פונ׳ם קאָמינטערן

זיינען פארליכטעט צו זען, אז די סעקציעס צו וועלכע זיי ווערן געשיקט, זאלן דורכפירן די באשלוסן פון די קאנגרעסן און פון דעם עקזעקוטיוו קאמיטעט פון קאמינטערן.

25. זיצונגען פון דעם עקזעקוטיוו קאמיטעט פונ׳ם קאמינטערן דארפן אפגעהאלטן ווערן ניט זעלטענער ווי איינמאל א מאנאט. די זיצונגען זיינען גע־זעצלאכע, אויב אויף זיי זיינען אנוועזענד ניט ווייניקער ווי א העלפט מיט־גלידער פון דעם עקזעקוטיוו קאמיטעט פון קאמינטערן.

4. די פארברייטערטע זיצונגען

26. צו באשליסן זייער וויכטיקע פראגן, וועלכע קע־נען ניט אפגעלייגט ווערן, רופט צוזאמען דער עקזעקוטיוו קאמיטעט פון קאמינטערן ניט זעלטענער ווי צוויי מאל א יאר פארברייטערטע זיצונגען אין דער צייט צווישן צוויי אלוועלטלאכע קאנגרעסן.

אין די פארברייטערטע זיצונגען באטייליקן זיך חוץ די מיטגלידער פון דעם עקזעקוטיוו קאמיטעט פונ׳ם קא־מינטערן אויך די פארטרעטער פון די סעקציעס, וואס שטעלן צוזאמען דעם קאמינטערן. די קאנגרעסן פון קאמינטערן באשטימען די צאל פארטרעטער פון יעדער סעקציע צו די פארברייטערטע זיצונגען.

חוץ דעם אויבן־אנגעגעבענעם טערמין ווערט א פאר־ברייטערטע זיצונג אפגעהאלטן אויך ערב אן אלוועלט־לאכן קאנגרעס.

---

5. די אינטערנאציאנאלע קאנטראל קאמיסיע

27. די אינטערנאציאנאלע קאנטראל קאמיסיע, וואס ווערט אויסגעקליבן פון קאנגרעס האט צווישן אירע אויפ־גאבן: א) איבערקוקן די קלאגן וועגן די האנדלונגען פון די באזונדערע אפטיילונגען פון דעם עקזעקוטיוו קאמיטעט פונ׳ם קאמינטערן און ארייננבריינגען אייגענע פארשלאגן אין דעם עקזעקוטיוו קאמיטעט פונ׳ם קאמינטערן וועגן די

וועגן און מיטלען ווי צו באַזייטיקן די עקזיסטירענדע חסרונות; ב) דורכקוקן די קלאַגן פון באַזונדערע פּערזאָנען אָדער אָרגאַניזאַציעס אויף די דיסציפּלינאַרע מיטלען, וואָס ווערן אויף זיי אָנגעווענדעט מצד די סעקציעס, און אַריינברענגען וועגן דעם רעקאָמענדאַציעס צום עקזעקוטיוו קאָמיטעט פונ'ם קאָמינטערן, וועלכער פּאַסט וועגן דעם געוויסע באַשלוסן; ג) רעווידירן די פינאַנסן פונ'ם עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון קאָמינטערן; ד) רעווידירן די פינאַנסן פון באַזונדערע סעקציעס לויט דעם באַשלוס פון דעם עקזעקוטיוו קאָמיטעט פונ'ם קאָמינטערן, פון דעם פּרעזידיום און פון דער אָרגאַניזאַציאָנס ביוראָ.

די קאָנטראָל קאָמיסיע מישט זיך ניט אַריין אין די פּאָליטישע געשעפטן און אין די אָרגאַניזאַציאָנעל אַדמיניסטראַטיווע סכסוכים, וואָס קענען פּאַרקומען סיי אין איינצעלנע סעקציעס, סיי צווישן סעקציעס און דעם עקזעקוטיוו קאָמיטעט פונ'ם קאָמינטערן.

דער פּלאַץ, וואו די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנטראָל־קאָמיסיע דאַרף זיך געפינען, ווערט באַשטימט פון דעם עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון קאָמינטערן צוזאַמען מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנטראָל קאָמיסיע.

6. די באַציאונגען צווישן די סעקציעס פון קאָמינטערן און דעם עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון קאָמינטערן

28. די צענטראַל קאָמיטעטן פון אַלע סעקציעס, וואָס שטעלן צוזאַמען דעם קאָמינטערן, ווי אויך פון די, וואָס ווערן אַריינגענומען אַלס סימפּאַטיזירענדע אָרגאַניזאַציעס, דאַרפן סיסטעמאַטיש צושיקן דעם עקזעקוטיוו קאָמיטעט פונ'ם קאָמינטערן די פּראָטאָקאָלן פון זייערע זיצונגען און באַריכטן וועגן זייער אַרבעט.

29. ווען איינצעלנע חברים פון אַ צענטראַלן קאָמי־

טעט פון א סעקציע אדער ווען גאנצע גרופן זאגן זיך אפ
פון זייערע פארפליכטונגען, ווערט דאס באטראכט אלס א
דעזארגאניזאציע פון דער קאמוניסטישער באוועגונג. יע־
דער אנפירענדער אמט אין א קאמוניסטישער פארטיי גע־
הערט ניט צו דעם, וואס האלט אים, נאר צום קאמינטערן.
ערוויילטע מיטגלידער פון צענטראלע קערפערשאפטן פון
יעדער סעקציע קאנען זיך אפזאגן פון זייער מאנדאט בלויז
מיט דער צושטימונג פון דעם עקזעקוטיוו קאמיטעט פון קא־
מינטערן. ווען א צענטראלער קאמיטעט פון א פארטיי
נעמט אפילו אן א רעזיגנאציע אן דער צושטימונג פון דעם
עקזעקוטיוו קאמיטעט פון קאמינטערן, ווערט אזא רעזיגנא־
ציע גע׳פסל׳ט.

30. די סעקציעס וואס שטעלן צוזאמען דעם קאמינ־
טערן, ספעציעל די סעקציעס פון שכנ׳ישע לענדער, דארפן
אנהאלטן צווישן זיך די נאענטסטע ארגאניזאציאנעלע און
אינפארמאציאנס־פארבינדונגען. אזעלכע פארבינדונגען
קאנען איינגעשטעלט ווערן אדער דורך א קעגנזייטיקער פאר־
טרעטערשאפט אויף קאנפערענצן און צוזאמענפארן, אדער
דורך א קעגנזייטיקן אויסטויש פון פאסענדע אנפירענדע
קרעפטן.

31. ווען צוויי אדער מער סעקציעס פון דעם קא־
מינטערן, וועלכע זיינען (ווי די סעקציעס פון די סקאנדי־
נאווישע אדער באלקאנישע לענדער) צוגעפאסט איינער צו־
דער צוליב דער פאליטישער געמיינשאפטלעכ־
קייט און קאמף, קאנען זיי מיט דער צושטימונג פונ׳ם עק־
זעקוטיוו קאמיטעט פון קאמינטערן פאראייניקן זיך אין א
פעדעראציע כדי אנצופירן אלגעמיינע און קאארדינירטע
האנדלונגען. אזא פעדעראציע האנדלט אונטער דעם קאנ־
טראל פון דעם עקזעקוטיוו קאמיטעט פון קאמינטערן.

32. אלע פארטיי צוזאמענפארן פון באזונדערע לענ־
דער, סיי רעגולערע און סיי ספעציעלע, קאנען צוזאמענ־
גערופן ווערן נאר מיט דער צושטימונג פונ׳ם עקזעקוטיוו
קאמיטעט פונ׳ם קאמינטערן.

וועו א פארטיי צוזאמענפאר ווערט ניט אפגעהאלטן פאר דעם קאנגרעס, דארף אזא סעקציע (איידער זי קלייבט אויס דעלעגאטן צום קאנגרעס) אפהאלטן א קאנפערענץ אדער א זיצונג פונ׳ם צענטראלן קאמיטעט כדי צו פאר־האנדלען די פראגן פונ׳ם קאנגרעס.

33. דער אלוועלטלאכער פארבאנד פון דער קאמו־ניסטישער יוגנט איז א גלייכבארעכטיקטער מיטגליד פונ׳ם קאמינטערן און איז אונטערווארפן דעם עקזעקוטיוו קאמי־טעט פון קאמינטערן.

34. קאמוניסטישע פארטייען דארפן זיין צוגעגרייט צו אן איבערגאנג אין אומלעגאלע באדינגונגען. דער עקזע־קוטיוו קאמיטעט פונ׳ם קאמינטערן איז פארפליכטעט ארויסצוהעלפן אזעלכע פארטייען אין דער צוגרייטונג פון אומלעגאלער ארבעט און זען, אז אט די ארבעט זאל דורכ־געפירט ווערן.

35. מיטגלידער פון באזונדערע סעקציעס פון קא־מינטערן קאנען אריבערפארן פון איין לאנד אין א צווייטן, נאר מיט דער ערלויבניש פונ׳ם צענטראלן קאמיטעט פון דער סעקציע, צו וועלכער זיי האבן פריער געהערט.

קאמוניסטן, וואס באזעצן זיך אין אן אנדער לאנד, דארפן זיך אנשליסן אן דער סעקציע פון דעם דאזיקן לאנד. קאמוניסטן, וואס האבן פארלאזן א לאנד אן דער ערלויבניש פון דעם צענטראל קאמיטעט פון דער סעקציע, צו וועלכער זיי געהערן, ווערן ניט אריינגענומען אין די אנדערע סעק־ציעס פון דעם קאמינטערן.

דער אַלף בית פון קאָמוניזם

פון נ. בוכאַרין

מיט א באַלערנדע פאררעדע
פון מ. אָלגין

איבערזעצט אין א שיינעם לייכטן אידיש
פון רחל האָלטמאַן

אונטער דער רעדאקציע פון מ. האָלטמאַן

דאָס בוך דאַרף געלעזן ווערן פון יעדן אַרבעטער

דער פרייז פון בוך אין אַ שיינעם איינבאַנד איז
נישט מער ווי
—— 1 דאָלאַר ——

שרייבט:
Book Department, Jewish Section Workers Party
153 E. Broadway, New York City.